# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 125) עלפטער יארגאנג יוני 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


די „באזע“ פון יידיש לשון אין ישראל........................** 1
די נייע פנימער פון עולים וואָס מען זעט איצט אין די גאסן (אַ בריוו פון ישראל)........................ש. ערנסט 4
צעשיינטע אָוונטן (ליד)........................דוד אַפּאַלאָוו 6
לייזערס „קליינטשיקע“ (דערציילונג)........................צ. כרמי 7
„אַ גאסט אויף אַ ווייל וואָס זעט“ קוים „אויף אַ מייל“ (אַ שטיקל אַן איינדרוק און אַ שטיקל אַ באריכט פון ישראל). על רגל אחת (לידער)........................א. נ. שטענצל 12
אַ באזוך ביי משה׳ן (עסיי)........................לעאָ קעניג 30
די גייציקע וויעוויארקע........................משה עובד 33
וויעוויאַרקע (סקולפּטור) ........................משה עובד 33
„אייגענטלעך“ (פעליעטאָן)........................קייטי בראון 34
הארי אריעל און פיניע גאלדשטיין............———ר. 37
אויך אַ מאי־פייערונג (פעליעטאָן)........................אליהו פאלושאק 38
מיט דוד פינסקי אויפן הר הכרמל........................אפרים טויבנהויז 41
אברהם ברוידעס — ארבעטער־דיכטער פון ישראל..דר. א. שראגענהיים 43
עטלעכע ווערטער וועגן עטא טאפל און מארק מארקאָוו......ס. פאלמע 45
געסט פון ישראל: סוצקעווער, פאפּיערניקאָוו, מאסטבוים, אוהל טעאטער גרופּן־פּאַטאָ ........................ 46
זרענו כספנו ירבה כחול (פאָלקלאָר)........................יחזקאל נח ערלעכמאן 47
ר׳ אברהם מאנדי ז״ל (נעקראָלאָג)........................———** 48
רעדאקציע נאָטיץ, מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 48


## פרייז: 1 שילינג און 6 פענים

אבאָנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאנד:—5 דאָלאר א יאָר

1/9 פאָר אַ פּראָבע נומער


By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*


TOWER HAMLETS LIBRARIES

„די צייט״
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון״ ביי „בן־אורי״
זונטאג דעם 25־טן יוני
אין לאָקאַל פון
„בן־אורי״ קונסט גאלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1
א רעפעראט פון א. נ. שטענצל
בצלאל אין ירושלים און דאס
מוזעאום אין תל אביב
פּאָרזיץ: משה עובד
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

„אין חדר אריין״ 5/-
„אין זכות פון די טעג״ 3/6
„די גאולה שעה״ (אַ וויזיע) 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

„ירושלים״ פון א. נ. שטענצל
פרייז: 7/6
צו באַקומען אין אַלע בוכהאנדלונגען

צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט
אין אַלע ענינים, אָנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן
אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:
N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.
ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 125) עלפטער יארגאנג יוני 1950 לאָנדאָן

## די „באזע״ פון יידיש לשון אין ישראל...

עס קומט אַמאָל אַ צייט אז מען מוז קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין; און דעמלט איז ענטוועדער אָדער, — אָדער מען באזיגט אים, דעם טיראַן טויט, מיט זיינע טויזנט געל־גיפטיקע אויגעלעך מיט איין שטארקן מענשלעכן בליק, אָדער מען געפינט נאָך די רגע פון גייסט־באוווסטזיין אַ צוואה איבער־צולאָזן, אַ פּאָר ווערטער אזעלכע, פון אַ פארלאָזענעם שכיב־מרע, אַן איינזאם פארביטערטן אופן טויטן־בעט, וואָס קיין יליד אשה שטייט אים שוין נישט צו פוסנס און די שכינה צומאָל נישט צוקאָפּנס.

מען שרייט יידיש איז טויט, יידיש איז געשטאָרבן און מיר באנעמען זיך טאקע ווי יענע דינענדיקע שפחה האָט זיך באנומען ווען איר פארדאָרשטיקט און פארהונגערט קינד האָט געהאלטן ביים אויסגיין; ווי הגר, ווען אברהם האָט זי אוועקגעשיקט: „אל אראה במות הילך ותשב מנגד״. זי וויל נישט זען ווי דאָס קינד שטארבט — —

אָדער איז עס אזוי, ווייל אַ קין־מאָרד ווערט אויסגעפירט, — אַ ברודער־מאָרד! — פארקוועטשט מען די אויגן דעם ברודער נישט צו זען און מען שרייט: „שמע ישראל״?

און באמת דאָס באנעמען פון אַ סך הערשנדיקע פען־ און פרעסע גרופּעס אין ישראל צו די יידישע איז מעשה אויפגעקומענע גבירטעס מיט גרויסע הענ־געגנדיקע גוידערס און אויפגעהויבענע נעזער, פארפלייטע... אָ, נישט איין יידישן שרייבער אין תל אביב האָב איך געהערט שרייען, מיט טרערן־פאר־קוועטשטע אויגן: „שמע ישראל״!

שוין די צוויי געטיילטע טישלעך, אַ מילכיקס און אַ פליישיקס, אין ביידע זייטן, ביים איינגאנג פונם קאפע „המאור״, דאָס העברעאישע און דאָס יידישע, פאסט נישט פאר אזוינס וואָס רופט זיך מכלומרשט אָן איין ליטעראַטור אין ביידע שפראכן — ס'איז אַ צוויי צינגענדיקע צישנדיקע שלאנג, אויב אזא קלאסן און ראסן טיילונג איז מעגלעך! פון ביידע אונזערע שאפנדיקע לשונות איז עלול צו ווערן איין לשון־הרע, חלילה...

מיר ווילן נישט איינגיין איצט אויף אַ דיסקוסיע, צי דאָס עקאָנאָמיש איינגעאָרדנטע לעבן, וואָס די העברעאישע פען־מענטשן פירן איצט אין ישראל האָט צו טאָן מיט די געזיכערטע עקאָנאָמישע באזע אויף וועלכער די העברע־אישע פרעסע און די פארלאגן שטייען אצינד, אויף וועלכער די שרייבער האָבן זיי אוועקגעשטעלט, צי עס זיינען נאָך אלץ די גלות־פאָנדן פון ווו מען ציט די יניקה... וואָרעם די דיסקוסיע איז אַ צו בכבודע און זי וואָלט צו ווייט אוועקגעפירט: אין אַ לאנד ווו עס געפינען זיך 300,000 יידן

וואָס לייענען און רעדן ייִדיש, אין אַ לאַנד ווו 700,000 ייִדן קענען ייִדיש וואָלט שוין אַן עקאָנאָמישע באַזע געווען פאַר די פּאָר ייִדישע שרייבער צו לעבן ווי מענטשן, ווען אַ מלוכה־האַנט וואָס דיריגירט קולטור און עקאָנאָמישע באַזעס, וואָלט די ייִדישע ליטעראַטור אַוועקגעשטעלט אויף איר ריכטיקער און געהעריקער באַזע. נאָר איין ייִדישע טעגלעכע צייטונג אין ישראל, איין ריכטיקער פאַרלאַג און אַלע ייִדישע שרייבער וואָלטן געלעבט בכבוד גדול.

אָבער מיר ריידן דאָך איצט נישט פון עקאָנאָמישע ענינים, נאָר פון ריין מענטשלעכע, פון טאַקט און באַנעמען! און דאָס באַנעמען צו ייִדיש איז ווי אין פּסוק שטייט, אַזוי ווי די האַרנטע שרה ברומט אונטער אַברהמ׳ען אונטערן אויער... און מען גיט מיט דער שפחה אַ לייבל ברויט מיט אַ קריגל וואַסער.

און באמת עס איז געווען ווי אַ שעפל וואַסער איבערן קאָפּ אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין תל אביב צו זען אַזאַ אומריין קעפל אויף אַ מפאַי אויסגאַבע: „הנגע ייִדיש מתפשטת“.

נאָר כדי צו אילומינירן ווי ווייט קאָרופּציע פון איין זייט און רעזיגנאַציע פון דער צווייטער זייט קאָן פירן, ברענגען מיר איין ביישפּיל כאָטש זייענדיק איינגעלאַדן אויף אַ פאַרזאַמלונג, צוזאַמענגערופן בכדי צו גרינדן אַן אָפּטיילונג פונם „אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס“, צו זעענדיק דעם קאַמף און זיך צוהערנדיק צו די „איבערצייגנדיקע“ אַרגומענטן פון די ישראל־„ייִדישיסטן“ וואָס האָבן זיך פאַרגענומען, צו צעשטערן די עטאַבלירונג פון אַזאַ מין אָפּטיילונג, פון אַזאַ שטיקל אַפּאַראַט פאַר ייִדיש אין ישראל; זיך אומקוקנדיק אויף דעם עולם און נישט געפינענדיק אַ טייל ייִדישע שרייבער צווישן די פאַרזאַמלטע, ווייל עס קאָן שאַטן צו פּרנסה און צום העברעאיש איבערזעצט ווערן... און זעענדיק די וואָס זענען בכלומרשטע יאָ דאָ, האַלטן די מיילער — איז דער גאַנצער ענין געווען אַ גרויסע דערנידערונג!

אַז די פירער פון ייִדיש אין ישראל זיינען קאָמיסאַרן, איינגעזעצטע פון דער מלוכה, כדי דאָס צו פאַרשטיין, ברויך מען גאָרנישט צו זיין אַזאַ גרויסער חכם, אָדער דווקא ערשט צו קומען זיך איבערצייגן, אויפן פּלאַץ ווו די פאַרגוואַלטיקונג געשעעט — די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע פון אַ שפּראַך!

און אַז די ייִדיש־אידעאָלאָגן פון די ציונים־חדרים פון רעכטס ביז לינקס, ביז צו יענעם „לינקן“ ייִדיש ריטער מיט דער קאַצאַפּישער באָרד, — וואָרעם וואָלט עס געווען אַ ייִדישע באָרד, וואָלט ער זי שוין געווען דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעגאָלט! —זיינען געווען און זיינען שטרויענע שטראַשידלעס אין די ייִדישע רייען, דאָס האָב איך שוין געוווסט דאָ אין לאָנדאָן, פון זייער ציניש באַנעמען די אַלע יאָרן. (אויב פּאַרטיי־פירער, אָדער סתם ציוניסטן קלייבן זיך צו ווערן מיניסטאָרן, מיינען זיי אַז זיי ברויכן נאָך צו ריידן בייזע רייד אויף ייִדיש, ווייל „כל המצר לישראל נעשה ראש“... דאָס נאָר דרך אגב!)

אָבער כדי צו זען די צוויי צעטיילטע טישלעך, דאָס העברעאישע און ייִדישע אין קאַפע „המאור“, אַז איינס זאָל זיך דאָס מישן מיטן צווייטן, אַז אַן אַריינגעקומענער צו דעם טיש זאָל זיך באַגריסן מיט אַ זיצנדיקן ביים אַנדערן, — שטרענג־אָפּגעזונדערטע איינס פון צווייטן, טאַקע, חלילה, ווי די מצרים׳ס!...



האָב איך ערשט געמוזט קומען אין תל אביב! נישט ווי אין ליטעראַטור אויף ביידע אונזערע שפּראַכן האָט עס דאָ אַפּנים, ווי אַ בראָכגערטעלע אויף ביידע זייטן... דער בראָך איז נאָך דערווייל גאָר גרויס!...

און עס איז נאַטירלעך, אַז די ייִדישע שרייבער געפינען זיך אין אַ נעבעכדיקערער לאַגע. ביי אַזאַ רעפּאַנירט און הויך־נאָזיק זיך באַנעמען פון „קאָלעגן“ מיט כל המעגלעכקייט פון דער מלוכה־שפּראַך אין לאַנד, איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער ייִדישער שרייבער ווערט ביי זיך אַ געפאַלן נעבעכל, אָדער טיף אין האַרצן אַ פאַרביטערטער, אַ רעזיגנירטער.

פון איין דיכטערין האָב איך בפירוש געהערט: „דערווייל שרייב איך נאָך ייִדיש“, מטעמים זייענדיק דעם „דערווייל“. אויף אַ ייִדישן פּאָעט האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז ער האָט זיך שוין „אומגעשטעלט“ און דיכטעט שוין העברעאיש. און דעם דופּק טאַפּט זיך נישט איינער יעדן טאָג, מיטן ווערטער־בוך אין האַנט, צי ער קאָן שוין אַריבערגיין... אַזאַ אָנגעהיצטע אַטמאָספערע, אַזאַ קרענקליכער „אונטערגאַנג“ איז שרעקלעך געפערלעך און מסוכנדיק פאַרן ייִדיש שעפערישן געמיט. און באמת, דאָס אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פּירט ממילא צו העברעאיש, צי עס איז אַ נאַטירלעכע, צי אַ געקינצלטער צושטאַנד, איז גאַנץ גלייך... שוין אין די אייניקע טעג זייענדיק אין תל אביב, האָב איך מיך געפילט פאַרהעברעאישט... נעבעכדיק!

איך וועל איבערחזרן דאָ די ווערטער וואָס כ׳האָב געזאָגט, זעענדיק די סיטואַציע אויף דער אויבן דערמאָנטער פאַרזאַמלונג: די וואָס זאָגן, אַז ייִדיש איז טויט, די וועלן שוין מיט קיין ייִדישן טויט נישט שטאַרבן, זיי וועלן שוין א.א.וו., א.א.וו. גוט, גאָט וויל העברעאיש! האָט ער דאָך אויך געוואָלט אַז 6,000,000 ייִדן זאָלן אומקומען, אָבער די 40,000 ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ וואָס האָבן דעם טויט געקוקט פריי אין די אויגן אַריין, האָבן אָפּגעראַטעוועט און פאַראייביקט דעם ייִדישן כבוד. גוט, ייִדיש שטאַרבט, ייִדיש איז טויט, די ייִדישע ליטעראַטור ווערט פאַרגוואַלטיקט און פאַרטיליקט, טאָ ווו זיינען מיר, דאָס הייפעלע וואָס וויל קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין, צו פאַראייביקן דעם כבוד פון ייִדיש און פון ייִדישן שאַפן.

שוין נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, אַז אָן ייִדיש, אַז אָן ייִדישע קולטור און אָן די מזרח־ייִדישע אייראָפּעאישע אינטעניסיוקייט, וועט ישראל נישט ווייטער קומען ווי די אַלע מיטל־אַזיאַטישע מזרח־לענדער, און אויף וויפל די ייִדישע קולטור פון די לעצטע צענדליקער דורות, וועלן אויפגענומען ווערן אין ייִדישן מלוכה אוצר, אויף אַזויפיל וועט ישראל קולטורעל אויפגעבויט ווערן; ניט רעכנענדיק דאָס; נאָר ווי איז עס דאָך מעגלעך ביי אַ פאָלק צו זען אַזאַ קלאַסן און ראַסן טיילונג אויפן געביט פון קולטור־ענינים, — ממש אַ טיילונג פון „הערן־פאָלק“ און פאַריער! — ווי דאָס איז אין ישראל ביי אַ טייל די העברעאישע פען־ און פרעסע מענטשן. אויב דאָס איז בכלל מעגלעך און אויב דאָס זאָל ווייטער אַזוי אָנגיין אויף דעם דרך, קאָן מען חלילה פאַרלירן דאָס פאַרטרויען צו דעם קולטור־חוש פון דער זיך בויענדיקער יונגער מדינה.

ש. ערנסט (תל אביב)

## די נייע פּנימער פון עולים, וואָס מען זעט איצט אין די גאַסן
### (אַ בריוו פון ישראל)

„דיינע אויגן זענען אַזוי שיין ווי די מאַראַנצן פון יפו" — זינגט דער אַראַבער אין עבר הירדן און אין סוריע צו זיין געליבטע. ווארים יפו האָט אַ שם אין דער וועלט ווי די שטאָט פון „גרעיפּפרוכט", די שטאָט ווערט באַזונגען אין אַראַבישן פאָלקס־ליד, און איצט איז אַ פרייד אין האַרצן, אַז די דאָזיקע שטאָט איז איצט אַ יידישע שטאָט.

שפּאַצירסטו איבער די גאַסן פון יפו און תל אביב און דו לייענסט די נעמען פון די גאַסן, וויקלען זיי פאַר דיר פונאַנדער אַ ריי פון פלאַמענדיקע געשטאַלטן פון ווייטן עבר און פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. זיי מישן פאַר דיר אויף פאַרגעסענע קאַפּיטלעך פון תנ"ך, אָנהויבנדיק פון דבורה הנביאה ביז עזרא הסופר. קומסטו קיין נוה־שלום ווערסטו איבערגעטראָגן אינם ווייטן תימן. דו גייסט איבער דער גאַס פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און עס דערמאָנט זיך דיר ווי דער פאָטער פון חסידות האָט אַמאָל געפּאַשעט שאָף אין דעם דאָרף אקופּ, ביי דער גרעניץ צווישן פּוילן און וואַלאַכיי און איז שפּעטער געוואָרן דער האַרציקער פאָטער פון דער גאַנצער חסיד׳ישער באַוועגונג.

די נייע עולים ווייסן ווייניק וועגן דער אַנטוויקלונג פון תל אביב. זיי קומען איצט אין אַ שטאָט וואָס האָט אַ גוטע פאַרוואַלטונג, עלעקטרישע באַלייכטונג, שיינע גאַסן מיט אַספאַלירטע שאָסייען, גרויסע געביידעס מיט בלומען גערטנער און בוימער אַלייען. זינט די שטאָט תל אביב האָט אין זיך אַריינגענומען אויך יפו ווערט אויך ביסלעכווייז פאַרשענערט די אַלט־שטאָט פון יפו. מען צעוואַרפט דאָרט די אַלטע הייזער פון מתושלח׳ס צייטן און עס בויען זיך אויך דאָרט אויס שיינע גאַסן מיט גרינע אַלייען.

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן איצט אין יפו איז דער געמיש פון יידישע שבטים, דו טרעפסט דאָ מזרח מיט מערב אינאיינעם. אין איין זייט לויפן אויטאָמאָבילן און אויף דער צווייטער זייט גייט אַ תימנער ייד מיט אַ קעמל און טראָגט אַ משא.

אויך תל אביב האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט געענדערט, דו טרעפסט דאָ אויך דעם זעלביקן „קיבוץ גלויות". ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער זענען דאָ שילדן אויף די געשעפטן, וואָס טראָגן נעמען פון כל תפוצות ישראל: נעמען פון יידן אין רומעניע, פון פּוילן, פון דייטשלאַנד, פון טערקיי און באַלקאַן לענדער. אַז דו שפּאַצירסט איצט אין די יפו׳ער גאַסן איז עס פאַר דיר ווי אַ נסיעה איבער יידישע געטאָס אין פאַרשידענע לענדער.

צום דאָזיקן געמיש פון שבטים פאָדערט זיך אַ באַזונדערער צוגאַנג, אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תל אביב זענען סך הכל פאַראַן צוויי ספרדישע מיטגלידער: משה שלוש און פּיטשאָן — ביידע טעטיק אויף עטלעכע געביטן און טוער מיט פאַרנעם.



פאַר די ספרדים און פאַר די נייע עולים זאָרגט אויך דער פינאַנץ־דירעקטאָר פון תל אביב, וואָס ס׳איז איצט גראַד 25 יאָר ווי ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס פינאַנץ־מענטש אין דער „גזברות עירית תל אביב". ער האָט צום אויפבוי פון תל אביב בייגעטראָגן נישט ווייניקער ווי אונדזערע געשוואָרענע עסקנים.

דער עניוות׳דיקער „גזבר העיריה" האָט איצט באַקומען זיין אָנערקענונג ביי דער זיצונג פון דער מועצה פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג. דער לאָרד־מעיאָר פון תל אביב, ה׳ ישראל רוקח, האָט אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם פינאַנץ דירעקטאָר בן־ציון אַרגגוב (אַרגאַוו) פאַר זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט אין משך פון 25 יאָר זינט 1925.

אין אימפּעט פון אויפבוי אין ישראל איז מען שוין דערצו צוגעוווינט אַז יחידים געבן אַוועק זייער לעבן פאַר אַן אידעע. דאָס איז ביי אונדז דאָ אַזאַ באַזונדערע „ארץ ישראל באַנעמונג". דאָ איז מען שוין אַזוי געוווינט. ווי דערשראָקענע פייגעלעך קומען אַהער דאָ מענטשן פון דער גאָרער וועלט און טוען אויף גרויסע זאַכן, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי.

תל אביב איז די יונגסטע שטאָט אין נאָענטסטן מזרח. און די דאָזיקע יידישע קאָלירפולע שטאָט שטעלט פאָר מיט זיך נישט נאָר אַן אָאַזיס פון ראָמאַנטיק, נאָר אויך אַ שיין ווינקל פון יידישן העראָאיזם.

פון די אַמאָליקע גולי יהודה ביז די בילויים, וואָס זענען געקומען מיטן לאָזונג „בית ישראל לכו ונלכה" איז נישט געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל קיין שום יידישע שטאָט. מיט אַמאָל אָבער האָבן אַ הייפעלע טרוימער אין דער אַלטער דערבייאיקער שטאָט יפו געשאַפן „אחוזת בית" און דערפון איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן די דאָזיקע מערקווירדיקע יידישע שטאָט.

תחילת איז די שטאָט פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אַ „וועד". אין דער שפּיץ פון „וועד" איז געשטאַנען מאיר דיזענגאָף, דער פאַרשטאָרבענער לאָרד מעיאָר, וואָס האָט זיין לעבן געווידמעט פאַרן ישוב. שפּעטער אָבער ווערט שוין תל אביב אָנערקענט פון דער מאַנדאַט רעגירונג אַלס אַ שטאָט און ווערט שוין פאַרוואַלטעט דורך דער מועצה, וואָס באַשטייט פון 15 פּערזאָן פון די „פּני" פון ישוב. אין דער געביידע אין דער שיינער און שטילער ביאַליק־גאַס געפינט זיך די שטאָט פאַרוואַלטונג, וואָס ווערט געלייטעט דורך דעם „ראש עירית תל אביב" ה׳ ישראל רוקח, אַ מאַן פון אימפּעט און פון אויפטו. פון די ווייניקע מענטשן, וואָס זייער לעבן איז ענג פאַרבונדן מיטן וווקס פון דער שטאָט.

אין דער זעלביקער געביידע זיצט אויך דער פינאַנץ דירעקטאָר בן־ציון אַרגגוב 25 יאָר זינט דאָס יידישע לעבן אין תל אביב איז געוואָרן פיל־פאַרביק האָט דער דאָזיקער פינאַנץ־מענטש אויפגעכאַפּט די דאָזיקע פילפאַרביקייט מיט זיין טאָג־טעגלעכע האָרעפּאַשנע אַרבעט. דער סענטימענטאַל פאַר׳חלומ׳טע יונגערמאַן פון גאַליציע וואָס האָט אין די יינגע יאָרן זיינע איינגעזאַפּט תורה און חכמה אין אַלטן בית־המדרש איז פלוצים דער „אורים

ותומים״ פאַר דער שטאָט פאַרוואַלטונג אין תל אביב און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט די מוניציפּאַלע אָנגעלעגנהייטן.

די שטאָט תל אביב צעוואַקסט זיך. עס קומען צו כסדר נייע גאַסן. עס ווערן געפלאַנצט נייע אַלייען מיט ביימער, מען בויט אויף שולן פאַר קינדער, אַ קהל׳שן האָספּיטאַל — עס בויט זיך אויס אַ יידישע שטאָט, וואָס יידן בויען מיט אייגענע הענט פון אַרכיטעקטאָרן ביז דעם גלעזער, פונם שטיינהאַקער ביזן פאַרבער — לויטער יידן.

דער חסידישער יונגערמאַן לאָזט זיך אַריין מיטן זעלביקן ברען, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט תורה אין בית־המדרש אין די תל אביבער פינאַנצן. ער גיט זיך איבער מיט האַרץ און נשמה צום אויפבוי פון דער שטאָט, ער פרייט זיך מיט יעדן ניי געבויטן הויז און הויבט אָן צוזאַמען מיטן ישראל פּיאָנער שלמה גערסל זאָרגן אַז די שטאָט זאָל וואַקסן און בליען.

די שטאָט תל אביב נויטיקט זיך אין אַ גרויסע ביבליאָטעק. זשאַלעוועט ער נישט קיין מי און זאָרגט כסדר אַז די ביבליאָטעק זאָל האָבן אַ גרויסן בודזשעט און די דאָזיקע שטאָט ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און פאַרמאָגט שוין איצט איבער הונדערט טויזנט ביכער.

דער פינאַנץ־דירעקטאָר פון תל אביב ווערט אַלץ כסדר מער און מער פאַרוועבט מיטן שנעלן ריטם פון דעם וווקס פון דער שטאָט.

---

## דוד אַפּלאַוו

### צעשיינטע אָוונטן

און ווען די לאַנגווייליקע טעג פאַרשווינדן,<br>עס קומען אָן די אָוונטן צעשיינט<br>און פלעמלעך וווּנדערליכע לאַנגזאַם צינדן<br>אין קרייז פון שיינע טרוימען — מיינע פריינט.

און אַלצדינג אַרום מיר איז פול מיט כישוף:<br>די ראָזע אַקוואַרעלן אונטערן גלאָז<br>און אויפן טיש דער שנייאיק־ווייסער טישטוך<br>און דורכן פענצטער דינער ווינטל־בלאָז.

אין ביכער שראַנק די שטאָלצע פאָליאַנטן<br>און ווייסע רויזן אין דער בלויער וואַז.<br>ס׳אַנטפּלעקט זיך, אין וואָואַל בלאָקס אומבאַקאַנטע<br>איך בין איר פאַזש אין ליכטיקן עקסטאַז.

ניו יאָרק, 1948



## צ. כרמי (ישראל)

### לייזערס „קליינטשיקע״

ווער האָט דאָס נישט געקענט שושנה׳ן פון ב.? אַפילו לייזערס אַ באַקאַנטע איז זי געווען. אמת, אויב צופעליק האָט מען אים געפרעגט וועגן שושנה׳ן, האָט ער אָנגעכמורעט זיינע ברעמען, פאַרגרינצלט אַ פרעגצייכן צווישן זיינע אויגן און געפרעגט: „וועלכע? די־אָ, די געלע?״ כאָטש ער אַליין האָט געוווּסט אויף הונדערט פּראָצענט, אַז זי איז שוואַרץ — פון די סאַמעראָדנע שוואַרצע — און אַז זיין מענלעך האַרץ הייבט אָן צו דריגן — גאָרנישט מעשה־מאַנספּערשוין — אויב מען דערמאָנט איר נאָמען פאַר חברה.

דעם אמת געזאָגט: שושנה האָט נישט געקענט אַלע חברה־לייט וואָס האָבן זי געקענט. מען זאָגט אַז אויך לייזערן האָט זי נישט געקענט. אודאי, זי האָט שוין נישט עפּעס בעסערס צו טאָן, האָט זי נישט — ווי גיין מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט בילע־וואָנצעוואַטן אין דער פלוגה מיליטער־אָפּטייל (באַטעריע).

דערנאָך זענען לייט געקומען אין איינעם אַ טאָג און זיי האָבן געזאָגט: שושנה איז נישטאָ מער... אומגעקומען. ס׳איז שווער צו ריידן, אָבער חברה האָט געטראַכט (גיי ווייס וואָס זיי האָבן געטראַכט): אָט גיין זיי אַרויס און זיי מאַכן פון דעם גאַנצן נגב אַ קאַשע. אָבער דערווייל האָט מען זיי אָפּגעקילט:

— פּאַוואָלי מאָטיע!... און זאָגן זאָגט מען: מיט רעכט! דערנאָך האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּאַנצער־אויטאָס און זיי האָבן „געריטן״ אויף לייזערן. הגם אַ שאָפער מיט סטאַזש, האָט מען אים געגעבן אַ קליינעם פּאַנצער, וואָס אין פאַרגלייך מיט די געוויינלעכע פּאַנצערס, איז ער פאַר לייטיש געלעכטער. און דווקא לייזערן האָבן זיי געגעבן אַזאַ מאַשין.

האָט לייזער געזאָגט: „מיין קליינטשיקע״. און די גאַנצע חברה האָט אַ נאָמען געגעבן דעם פּאַנצער: „לייזערס קליינטשיקע״. אָבער ביי אים גופא האָט זי אין האַרצן געהייסן „שושנה״. און מען זאָגט אַז ערגעץ־ווו אינם מאָטאָר האָט ער אויך פאַרשריבן מיט ווייסן קרייד „שושנה״. און ער פלעגט צו זיך אין האַרצן זאָגן: „מיין שושנה״, אָבער פאַר חברה פלעגט ער זי רופן: „מיין קליינטשיקע״ און די גאַנצע „דזשיאַמע״ (חברותא) האָט געוווּסט אַז דער קליינער פּאַנצער הייסט: „לייזערס קליינטשיקע״. און קיינער האָט אַפילו נישט געקלערט זי אַנדערש צו רופן.

בקיצור: אָט אַזוי ווי איר זעט זי, איז „לייזערס קליינטשיקע״ געריטן אויף אַלע איבעריקע פּאַנצער־אויטאָס. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון קליינע זאַכן. מען ברויכט דרינגלעך צו קומען צום קיבוץ „נירים״. נו, איז וואָס? וועלן מיר אַרויסרוקן מיט די גרויסע פּאַנצערס? — איז דאַיאָש, לייזער! נעם דיין „קליינטשיקע״ און גיב אַ פלי קיין „נירים״. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט די „קליינטשיקע״ באַקומען בוליוס — אָט מיר נישט, דיר נישט. אויסנווייניק איז זי ענלעך געווען צו אַ רייבאייזן אײדער צו אַ 3־טאָניקן און אַ געפּאַנצערטן דאָדזש. אָבער לייזער איז געפאָרן — ווי זאָגט דאָס ש. שלום: ללא־חת: דעם פייער אין די אויגן!

וויבאַלד דאָס זעלבסטגעפיל האָט אָנגעהויבן ווערן אַביסל געזונט און וויבאַלד מיר האָבן באַקומען שליטה איבער די ענינים — האָט לייזער באַקומען אַ מיליטער־אָפּטייל וואָס ליבערשט רוף איך אים „אַ רינגל אין דער קייט": סך הכל דריי פון דער חברה זענען געווען אינם אָפּטייל, צוויי ביקסן און איין אויטאָמאַטיש געווער. און לייזער האָט באַקומען אַ „סטען". און אָט ווי דו זעסט זיי — פיר חברה־לייט, האָבן זיי אויפגעטאָן אַזוי פיל ארבעט ווי פון אַ גאַנצן אָפּטייל. זיי האָבן „געקלאַפּט" (געשאָסן). די „קליינטשיקע" פלעגט אַראָפּ אָן קונצן פונם שאָסיי און זיך קוילערן אין וויסטע שטחים, אַ שטייגער זי וואָלט געווען אַ קעמל פון קעמל־לאַנד. נישט איינמאָל האָבן זיי איר געמאַכט אַ הייסן מרחץ כהלכה. אָבער אין אַלגעמיין, קאָן מען זאָגן, זענען זיי געשטאַנען וואַזשנע.

אגב, לייזער איז נישט געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם פּאַנצער אויטאָ. דער קאָמאַנדיר איז געווען עזרא. וואָס קאָן מען טאָן, אַזוי איז עס שוין אין לעבן. אַזאַ חזיר! און דאָך האָט חברה ווייטער גערופן צום פּאַנצער „לייזערס קליינטשיקע". אָבער די אַראַבישע כנופיות פונם נגב האָבן זיך נישט איינמאָל פּרובירט מיט איר רייצן. פשוט זיי האָבן נישט געוווסט וואָס ס'דערוואַרט זיי. זייער סוף איז געווען ביטער און שיטער. צו אַזאַ פלינקייט און אַזאַ פייער און אַזאַ „חוצפה" — זענען זיי נישט געוואוינט. און אַ פּאָר מאָל האָט זיך פשוט געיאַוועט „דער דריטער צד" און ער האָט זיי געראַטעוועט פון די פורעניותן. ס'איז געווען אַ בושה זיך צוצוקוקן ווי די דאָזיקע יינגליג־דור איילן זיך צו ראַטעווען יעדע כנופיה וואָס האָט זיך באַוואַכט און פאַרלאָרן זיינע זינען.

וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען, אַז די זאַכן גופא רעדן פאַר זיך. הקיצור: לייזערס „קליינטשיקע" איז געוואָרן אַ שרעק־געשטאַלט פאַר אַלע מרצחים פונם מדבר און וואָס שטאַרקער די ליבשאַפט פון אונזערע מענטשן פון איר — אַלץ גרעסער איז געוואָרן די שנאה צום פיינט.

* * *

רעגן אינם נגב.

איר זאָגט: „גוט" — טאָ פרעגט־זשע די רערן־היטער. די וואַסער־רערן וועלן מיר זען וואָס זיי וועלן זאָגן. פאַראַן פלעצער וו דער רעגן מאַכט האַרט דעם זאַמד און דו פאָרסט כמעט ווי אויף בעטאָן, אָבער פאַראַן פלעצער, אַז ס'איז אַ פחד. אַ בלאָטע פון בלאָטע־לאַנד. און דער פּאַנצער און די בלאָטע — דאָס זענען ווי צווייקעץ אין איין זאַק.

איז, איינמאָל פאָרט לייזער אַרויס מיט דער קליינטשיקער, מיט עזרא'ן און מיט נאָך צוויי מענטשן. גלאַט אַזוי נישט קיין וואַזשנע זאַך. אַביסל פּראָדוקטן, צייטונגען פון פאַרגאַנגענער וואָך, דווקא — פאַר איינעם פון די פונקטן וואָס לענגאויס דער שלאַכט־ליניע.

זיי פאָרן. אַביסל רעגן. לעת עתה זענען זיי אויפן כביש נישט שרעקלעך. די קליינטשיקע אַרבעט מעשים, ווי אַ שד. אויב ס'וועט נישט זיין קיין צרות



— איז, זענען מיר אין אַ פערטל שעה אויפן פלאַץ.

פלוצים הויבט זיך אָן אַ קלאַפּן — הימל עפן זיך! פון לינקס, הונדערט און פופציק מעטער דרוק. תחילת אויף די גומי־רעדער. דערנאָך אויפן שאָפער־קעמערל, און דערנאָך — ווי אַ האָגל, דער האָגל פון אַ עשר־מכות.

לייזער ווייסט נישט פון קיין חכמות. ער גיט אַ „דריק", און ער האָרכט זיך איין ווי חברה קלאַפּט צוריק. דאָ איז עפּעס אַן אַראַבישער ווייַן גאָרטן פון משותלח'ס צייטן. נאָך אים איז אַ געדרייטער ווינקל. שטעל זיך אָפּ! אַ פאַרולע. נישט אָפּשטעלן זיך! מען קען זיי! נישט צום ערשטן מאָל, דאַנקען גאָט. דער קערעווער באַקומט אַ שטויס ווי ס'קער צו זיין אויף לינקס. די קליינטשיקע פאַלט אַראָפּ ווי אַ דונער אינם וועג־אַראָפּגאַנג, און פון דאָרט אין פעלד אַריין. אַ קערעווע אויף צוריק. דער מאָטאָר שרייט און פלוצים ווי די ערד וואָלט זיך געעפנט אונטער דיר, אַ שטייגער ס'וואָלט ווערן פון איר אַ וואַטענער מאַטראַץ. אוי, זינקעניש! דער „ספּעשל"־גאַנג גייט גאָרנישט ניט. אויף הינטערוויילעכץ? ס'רירט זיך נישט. אויסגלייכן דעם קערעווער — ס'פועלט נישט. קלאָר ווי גאָט'ס טאָג. אַ קורצער מיליטערישער שאָס אויס אַ געלעכטער און דערנאָך איין אויפגעשריי צו עזרא'ן: „מיר זענען איינגעזונקען!"

דערווייל דערנענטערט זיך דאָס פייער... פּס־אַך! אַ גומי־רייף איז קאַפּוט. „פאַרלאָזן די מאַשין!" שרייט עזרא. „צו צוויי אין ווייַנגאָרטן וואָס אין נעם זייט שאָסיי. איך — דער לעצטער — זאָגט לייזער אין ער דעקט באַנאַנד מיט עזראַן די צוויי איבערגעלאָפּענע, וואָס געבן אַ שפּרונג און דערגרייכן דעם ווייַנגאָרטן. יענע הייבן אָן זייער פייער אונטער דעקונג. עזרא שפּרינגט אַוועק, נאָך אים שפּרינגט לייזער. פון דרויסן האָט זי, זיין „קליינטשיקע" אַן עלנט אויסזען ביז גאָר. זי איז פאַרזונקען כמעט ביזן האַלז, אָבער אין עצם האָבן זיי אין איר נישט געטראָפן. זיי פאַרפעסטיקן זיך אינם ווייַנגאָרטן. דער פיינט דערנענטערט זיך. ער צילט נאָך דערווייל זיין פייער אויף די „קליינטשיקע". קאָן זיין אַז זיי האָבן נישט באַמערקט אונזער אַראָפּשפּרונג. די קליינטשיקע האָט פאַרשטעלט. אויסגעצייכנט. „נישט שיסן, — האָט עזרא קאָמאַנדירט — מירן זיי אָפּוואַרטן".

דער פיינט רעגירט. ס'איז זיי, ווייסט אויס, נישט פאַרשטענדלעך וואָס ס'האָט פּאַסירט: דער פּאַנצער־אויטאָ האָט אויפגעהערט צו שיסן. זיי פּרוּוון ווידער מיט אַ שטאַרקן פייער. קיין תשובה נישט. זיי הייבן אָן זיך צו דערנענטערן, שפּרינגנדיק. צוערשט אונטער דעקונג, דערנאָך — אָן דעקונג. אָט זענען זיי! רוצחים, נישט מערער.

די שטימונג ביי די פיר הייבט זיך. מיט צען קאָן מען פאַרטיק ווערן. די אויטאָמאַטישע ביקס איז ריכטיק אַוועקגעשטעלט. די ביקס, די „סטען": „גיט פייער!!"

צוויי פון די אַראַבער קישן שוין דעם שטויב. און וואָס איז מיט די איבריקע? אַ בהלה! זיי אַנטלויפן.

„פייער!"

זיי פאַלן. איינער און נאָך איינער. דריי פון זיי פאַרנעמען שטעלונגען. זיי ענטפערן מיט פייער. נעבעכדיקע וואָס זיי זענען! די אויטאָמאַטישע ביקס צוקט.

„לייזער, גיי צוריק אין דעם פאַנצער!"

לייזער גייט צוריק. זיי האָבן אים באַמערקט. זיי קערעווען אויף אים דאָס פייער. ער שפּרינגט אַריין אין די „קליינטשיקע".

פּלוצים באַקומט דער פאַנצער־אויטאָ אַ געוואַלטיקן פייער־האָגל. וואָס האָט פּאַסירט?

פון אַ סערפּענטינע דערשיינט אַ בריטישער טאַנק! דאָס שפּיל איז זיי־ וויזט אויס — נישט צום הארצן. די אַראַבער אַנטלויפן, ווערן געהרג'עט. עפּעס קאַפּויער פונם פּלאַן...

די אַראַבער רייסן איבער דאָס פייער. עזרא און די צוויי פונם ווייַנגאָרטן רייסן אויך איבער דאָס פייער. דער טאַנק דערנענטערט זיך צו דער „קליינטשיקע". געגליכן צו לייזערס מאַשין זעט דער טאַנק אויס ווי אַ באַרג. לייזער גייט אַרויס פון זיין מאַשין. ער פּרוּווט זיי דערקלערן ווי אַזוי און פאַרוואָס ער איז אַראָפּ פונם שאָסיי און איז שטעקן געבליבן. מיט די געציילטע ענגלישע ווערטער אין זיין מויל, מיט העוויות — אין העברעאיש און אַראַביש. זיי ווייסן גאָרנישט־ניט. זיי שווייגן און זיי בלייבן אויפן פּלאַץ.

פּלוצים בלישטשעט אויף אין זיין מוח אַ געדאַנק. דאָס איז עס! ס'איז כדאַי צוצוגיין צום קיבוץ און ברענגען פון דאָרט אַ טראַקטאָר. אַרויסראַטעווען די קליינטשיקע, נישט וואַרטן ביז ס'ווערט פינצטער. ס'קאָן נאָך זיין שלעכט. ער גייט. די „געלע" רירן זיך נישט. אויף וואָס וואַרטן זיי? ער דערגרייכט דעם ווייַנגאָרטן. חברה ליגט אויף דער ערד. ער דערקלערט זיי דעם פּלאַן. בסדר! זיי גייען אַראָפּ פון צווייטן זייט בערגל און זיי שפּאַנען איילעק אין די ריכטונג פונם קיבוץ..

ווען זיי זענען צוריקגעקומען מיטן טראַקטאָר האָבן זיי שוין געזען פאַרוואָס דער בריטישער טאַנק האָט אַזוי געדולדיק געוואַרט נעבן לייזערס „קליינטשיקער": אַ שווערער אַראַבישער משא־אויטאָ איז שוין געווען צוגעבונדן צו דער „קליינטשיקער" און זי ציט זי אַרויס אין דרויסן, צום שאָסיי. „זאָל זיי דער טיוול נעמען", זיפצט לייזער אַרויס צווישן די ציינער. „איבערן גוף מיינעם!" און ער שפּרינגט אַראָפּ פונם טראַקטאָר. אָבער חברה האַלט אים איין.

— וואָס איז, מער פעלט דיר נישט? ווילסט דווקא ווערן אַ קדוש?

ער האָט געדרופן. חברה האָט געפּרוּווט זיך דערנענטערן צו דער מאַשין כדי זי צו ציען פון צווייטן זייט. זיי האָבן געפּרוּווט סטראַשען די אַראַבער. עס העלפט גאָרנישט. דערווייל איז די אַראַבער געלונגען אַרויסצושלעפּן די „קליינטשיקע". אָט האָט זי גענומען זיך רירן. אָט איז זי אויפן שאָסיי. לייזער גייט אַרויס פון די כלים. „כ'וועל נישט אַוועקגעבן מיין „קליינטשיקע". צום טייוול, וואָס־זשע האַלט איר מיך צוריק?"

אַ שוים פּיענעט זיך צווישן זיינע ציינער. זיינע אויגן פילן זיך אָן מיט



בלוט. אָבער מען קאָן גאָרנישט אויפטאָן. אַזוי איז דאָס. „וואָרט־זשע" — באַרואיקט אים די חברה. „זיי וועלן אָנהויבן פאָרן, די ענגלענדער וועלן זיך אָפּטראָגן — וועלן מיר פון זיי צוריק נעמען די „קליינטשיקע".

אומזיסט! זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן. אָבער דער טאַנק מיט די מנוולים איז נאָכגעפאָרן די אַראַבער צו באַשיצן. די „קליינטשיקע" איז גענומען אין „פּלען".

דעם גאַנצן טאָג און צומאָרגנס איז לייזער אַרומגעגאַנגען אינם קיבוץ ווי אַ געריר־טער. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט געוואָלט הערן קיינע דיבורים.

דערווייל האָט מען דערציילט אַז די „קליינטשיקע" האָבן זיי אָפּגעפירט קיין עזה און דאָרט איז געווען אַ גרויסע שמחה און שוין הויבן זיי אָן אין איר אַרומצושפּאַצירן און שוין האָבן זיי פון איר געשאָסן אויף אונדזער חברה. און די ממזרישע „קליינטשיקע"....

דערנאָך האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל פונם קרייז קאָמאַנדיר: כאַפּן תיכף ומיד לייזערס „קליינטשיקע" — אָדער זי אויפרייסן. לעבעדיק אָדער טויט.

דערנאָך האָבן זיך די ענינים ענטוויקלט ווי אין אַ לעגענדע און איידער דו האָסט באַוויזן זאָגן ווער און וואָס — האָט מען דעם ענין — אונטער באַפעל אויסצופירן — איבערגעגעבן עזרא'ן און זיינע לייט, דהיינו: לייזערן גופא.

— ניין, — האָט לייזער געזאָגט, — איך וועל זי נישט אויפרייסן, איך וועל זי צוריק ברענגען אַ גאַנצע, דער שד זאָל דאָס נעמען.

— פיזיקע־מיזיקע — האָט חברה געזאָגט צו לייזערן, — דער עיקר איז דאַיאָש צו אַרבעט.

זיי זענען אַרויס אין צוויי פאַנצער־אויטאָס, אָבער נישט געכאַפּט איר. אַרויס אין דריי פאַנצערס.... גיי כאַפּ דעם ווינט אין פעלד! איינמאָל האָט זי אָנגעגריפן די חברה, זי, און האָט זיי אַריינגעכמאַליעט אָן איי פון צוויי אינטש — און געמאַכט ויברח.

עזרא און זיינע לייט און לייזער האָבן באַשלאָסן צו לויערן אויף איר, אויפן שאָסיי וואָס גייט קיין עזה. זיי זענען אַרויס ביינאַכט, זיך אַריינגעגראָבן, פאַרקאָמופלירט און געוואַרט. אַראַבישע מאַשינעס זענען פאַרביי. זיי האָבן געשוויגן. אַראַבער זענען פאַרביי צופוס אָדער אויף אייזלען — און געשוויגן. טראַכט זיך טאַקע די חברה: פאַרוואָס ס'איז קיין מזל נישט פאַראַן. פּלוצים איז דערשינען די „קליינטשיקע".

— ווי אַ קליינער שד — טראַכט זיך לייזער אין האַרצן און ער דערוואַרעמט זיך, אי פון רחמנות, אי פון ליבשאַפט, אי פון בענקשאַפט, אי פון שנאה און צאָרן. „אויף די גומי־רייפן" — גיט עזרא אַ קאָמאַנדע — דיק פייער!"

פּך־פּך־פּך — די קליינטשיקע איז אַריין אין אַ גרוב. פון איר קנאַלט אַ פייער ווי אַ האָגל. זיי פּרוּווט אַרויסגיין — ס'גראָט זיי נישט. די אַראַבער שפּרינגען אַראָפּ פון דער מאַשין. זיי אַנטלויפן.

„פּייער!“

צווי פֿאַלן. דריי שפּאַנען אַדורך דעם ווייַנגאָרטן און פֿאַרשווינדן.

לייזער שפּרינגט אָפּ. ער גייט דעם שאָסיי אַריבער. דע־דע־דע־דע־דע! דער פֿיינט האָט דאָ ערגעץ אַן אויטאָמאַטישע ביקס. לייזער ציט זיך אויס אויף דער ערד, פֿלאַך אויפֿן בויך און ווי אַ שלאַנג קאָרטשעט ער זיך און קריכט ביז ער דערגרייכט דער „קליינטשיקער“. ער קריכט אונטער אים. ער דערשמעקט איר ריח, דעם ריח פֿון פֿאַרברענטן בענזין. ער שמייכלט צו איר מיט זיין פֿאַרמאַזשעטן פּנים. דער פֿוס ברענט ווי זיבן פּרימוסן. „אַהער, כ׳וואַרט נישט. צו אַלדי רוחות! אָט איז די „קליינטשיקע“ ווידער אין דיינע הענט!“

ער קריכט און ער טשאָרעט זיך אַריין אין זיין קעמערל. אָט איז דער קערעווער. אַראַבישע חפֿצים וואַלגערן זיך אין אים. וואָפּן, גראַנאַטן. לייזער פּרובירט זי באַוועגן. זי סאַפּעט, סאַפּעט... צינדט זיך אָן. דער פֿוס טוט ווי אַזש ס׳נעמט אַ פּחד, אָבער די מאַשין צינדט זיך אָן. אמת, טאַקע, אַלע אירע גומי־רייפֿן פּלאַצן, אָבער ס׳וועט מעגלעך זיין זיי צוריקצוברענגען צום כביש. ער גאָרגלט זי אָן. דער מאָטאָר צאָרנט. די „קליינטשיקע“ רירט זיך מיט אַלע אירע כּוחות. „נו, קליינטשיקע מיינע, מאַך נישט קיין קונצן — דאָיאָש — גיב אַ שלעפּ. אָט אַזוי „לייזינקע“...

אָבער ס׳איז שוין שפּעט. דער פֿיינט האָט אַלאַרמירט וועגן פֿאַרשטאַרקונג. אַ גיהנום־פֿייער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די „קליינטשיקע“. עזרא און זיינע לייט האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און קוים וואָס זיי האָבן אַדורכגעהאַלטן. ביז ס׳וועט צו אונדז אָנקומען פֿאַרשטאַרקונג וועט נאָך נעמען צייט, וואָס וועט זיין?

ייִדיש ש. שפּיוואַק.

---

## א. נ. שטענצל

### „א גאסט אויף א ווייל וואס זעט“ קוים „אויף א מייל“
(אַ שטיקל אַן איינדרוק און אַ שטיקל אַ באַריכט פֿון ישׂראל)

1

פֿאַר אַן עולה־רגלניק אין ישׂראל, פֿאַר „אַ גאַסט אויף אַ ווייל וואָס זעט“ קוים „אויף אַ מייל“, איז גרויסער נסיון, ווען ער מוז זיך טיילן מיט זיינע איינדרוקן. אַן איינדרוק מיינט דאָך, נישט אים צו צוטיילן אויף גוטע און שלעכטע זייטן, עס מיינט דאָך, געבן דעם אינערלעכן איינדרוק, דעם גאַנצן און נישט צוטיילן, פֿון ערשטן אויגנבליק; דאָס אַרומגעכאַפּט ווערן פֿון אַ וואונדערלעכער נאַטור־דערשיינונג, אָדער פֿון אַ איינמאָליקן געוואַלטיקן דערלעבעניש. אַנאַליזירן, סעצירן הייסט דאָך שוין נישט מער זיך אוממיטלבאַר מיטטיילן מיטן דערלעבעניש, נאָר צוצעטיילן אויף שטיקלעך, עס צעפּיצלען.

איז, קודם, נישט יעדער פֿאַרליבטער וויל און איז ביכולת צו דערציילן



פֿון זיין „ליבע אין ערשטן אויגנבליק“; גיכער קען דאָס טאָן אַ באַשויער! ווען ער קומט צוריק פֿון „באַשויען“ קאָן ער אָנדערציילן כּל האָוונדירים, וואָס פֿאַר אַ שיינקייט ער האָט געזען, אָדער וואָסער אויסוווּרף פֿון אַ באַגעגעניש ער האָט דאָרטן אָנגעטראָפֿן. און נאָך מער: אַן עמך־ייִד מיט ארץ ישׂראל איז דאָך בבחינת פֿון יענעם אייביקן זווג, וואָס נאָך „ארבעים יום קודם יצירת הולד“ האָט גאָט שוין אויסגערופֿן: „בת פּלוני לפּלוני“! און גיי דערצייל פֿון יענעם וואונדערלעכן און אייביקן הימלישן אויגנבליק, אַז דער שנעל פֿונם מלאך ליגט שוין אויף דיינע ליפּן — — —

והשנית, פּונקט ווי מען טאָר נישט אַרויסלאָזן קיין „דיבה רעה“, קיין שלעכט וואָרט אויף ארץ ישׂראל, אַז נישט איז מען אַ מרגל, פּונקט אַזוי איז דאָך אויך דאָ אַ בפּירושער לאו אין דער תּורה „ולא תחניפו את הארץ“, דו זאָלסט נישט חנפֿענען ארץ ישׂראל.

אויב אַ ציוניסטישער בעאַמטער, אַ פֿונקציאָנער פֿאָרט נאָך ישׂראל, בעסער געזאָגט, ווערט געשיקט קיין ישׂראל, בכדי אַהיימצוקומען אַ באַגייסטערטער, בכדי צו שילדערן די ייִדישע מדינה אין זוניקע פֿאַרבן, (זיין גאַנצע נסיעה און דער אויפֿענטהאַלט דאָרט איז שוין אַזוי ערשט־קלאַסיק צוגעשניטן און אויפֿגעבייט און צוגעפּרעסט, ווי דער אַנצוג פֿון דער נאָדל אַ וועק, אין וועלכן ער פֿאָרט אַהין און ווי די פּראָפּאַגאַנדע רעדע, די פּאַרטייאישע, וועלכע ער ברענגט מיט...) אַז אַ שליח קומט פֿון ישׂראל, מיט בטול צום גלות און בייטלט אויס אַלע זיינע בטלנישע חלומות אויף אונזערע קעפּ, טראַכט זיך ניט איינער, הערנדיק זייערע גלאַטע און אויסגעדראָשענע רעדעס: אויב פּאַגראָמען זענען כּשר געווען פֿאַר מאַנכע ייִדישע סאָציאַליסטן, ווייל ס׳איז דאָס בלוט אויף די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע, איז עס דאָך פֿאַר גלאַטע פֿונקציאָנערלעך און גוט־באַהאַוונטע שליחלעך גלאַט־כּשר, ווייל עס פֿאָרט זיך זיי קודם גאַנץ גוט אויף דער קאַרעטע, וואָס גייט אויף אָט די גוט געשמירטע רעדער...

אָט די בעאַמטע און שליחים זיי זעען דאָך ניט די יסורים, דאָס אָפּגייענדיקע בלוט פֿון די חבלי משיח! וואָרים פֿאַר זיי איז דאָך משיח שוין געקומען; פֿאַר זיי לעבט דאָך נאָך דאָס ייִדישע פֿאָלק אין גלות, אויף וויפֿיל זיי קענען דערפֿון מאַכן אַ לעבן...

אַנדערש איז, ווען אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿאָרט נאָך ארץ־ישׂראל! אַ געטובלטער אין תּשעה קבין פֿון אייגענע טרערן קומט ער דאָרטן אָן; די בענקעניש פֿון דורות וויינט פֿון אים אַרויס; אין בלוט גייט ער צוערשט אָפּ, ווי אַ געוויינערין, ביז ער דערלעבט צו גיין אויף דער הייליקער ערד. פֿאַר אים, דעם פּראָסטן ייִד, דעם גלות ייִד, איז משיח נאָך נישט געקומען...

2

עס איז נישט דאָ די רייד פֿון די אַלע דינים להלכה און למעשה, צי אַן ארץ ישׂראל אָן הר־המוריה האָט נאָך אין זיך די „קדושה הראשונה“, און אויך נישט דאָס אַפֿילו, וואָס אַן עמך־ייִד זעט דאָך אינם לאַנד, נישט נאָר די זוניקע זייטן, נאָר אויך די שוויצעדיקע; ער זעט נישט נאָר די חלוצים, די אידעאַ־

ליסטן און די עולים־חדשים, וועלכע מאַכן באמת ראוי די נייע מלוכה צו אַ קדושה שניה. (וואָרים אויב ס'איז פאַראַן אַ ראשונה מוז דאָך מעגלעך זיין אַ שניה!) נאָר ער זעט דאָך אויך די „שוויצערס"...

נאָר נאָכדעם ווי דער עולה רגלניק האָט געמאַכט „שהחינו"! און קאָן דען זיין אַ גרעסער דערלעבעניש פאַר אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, פאַר אַ פאַרבענקטן גלות ייד ווי צו זען מיט די אייגענע אויגן אַ יידישע מדינה? ביי יעדן טראָט אַן אָפּגעשטעלטער, אַ פאַרגאַפטער, די אייגענע אויגן נישט צו גלויבן. גאַס אויס גאַס איין ציט זיך אַ הימל, אַ היימישער, אַ באַקאַנטער, אַ נאָענטער; כאָטש יעקבס לייטער צו אים צושטעלן און אַרויפקריכן! און שטייט זי נישט שוין אָן אויפגעשטעלטע, יענע רישטעוואַניע דאָרט? און יעדע פרישע מויער לייבהאַפטיק אַנגעטאַפּט און געקוועטשט ביז אַ ווייטאָק צו שפּירן אין די פינגער: ניין, עס איז נישט קיין חלום, מיטן זיבטן שווייס און אָפּגייענדיק בלוט האָבן יידישע הענט זי אויפגעבויט... עס קאָכט, עס רוישט, עס יאָגט — עס דרייט זיך די שטאָט מיט גאַסן, מיט אַלייען, מיט ליכט־פאַרגאָסענע בולוואַרן, מיט אָמניבוסן פול געפּאַקטע, ווי אַ צוזונגענע קאַריסעלע, ווי אַ געוואַלטיק גורל־ראָד — — —

גאַנץ תל אביב מיט אירע אַרבייטנדיקע און ענג באַוווינטע שכונות און הערלעכע פאַרשטעט איז פול געפּאַקט מיט יידן ווי אַ טומלדיק בית מדרש! און אַזוי אַלץ שענער און ברייטער מיט די מאָדערנסטע מאַגאַזינען און קאָמפאַרטאַבלסטע האָטעלן ביז צום ים אַראָפּ, ביז צום שטראַנד — ביז צום העכסטן באַנק פון שוויץ־באָד! און נאָכדעם ווי ער קומט אין ירושלים הבנויה, אין דער ניי־שטאָט ירושלים, און ער קושט די ערד אויבן אויפן הר־ציון, — און וועלכער ייד שעמט זיך דאָס אויבן צו טון? — דער מינדסטער און דער גרעסטער טוט עס מיט טרערן אין די אויגן! — הויבט ער אויף די אויגן צו די בערג פון ציון, צו די „הרים סביב לה" — — — אָבער, די שטאָט ירושלים, די אַלט־שטאָט, דער הר המוריה, — דער „אבן שתייה", דער ערשטער מיילן־שטיין פון מענטשלעכער קולטור, פונם „על תשלח ידך אל הנער", — דער מקום־מקדש, די כותל־מערבי, ליגט אונטן אין טאָל, אונטער דער מויער, אַ באַוואַכטע פון אַראַבישע לעגיאָנען. די ליידיק־גייערישע שייכן פאַררויכערן זי מיט זייערע נאַרגילעס, אין די שמאָלע אַלטשטאָט געסלעך ביי די נידריקע קאַפע טישלעך, און די מאַנאַכן, אין די קלינגענדיקע קלויסטערס אַרום, מיט זייערע ווייַרויך־קעסלען! עס נעמט דיר שוין אָפּ דער גאַנג צו די אַלע שיינע און וויכטיקע זעענסווירדיקייטן, צו וועלכע אַ טוריסט, אַ „תיר", איז ממש מחויב צוצוגיין, צום הר הערצל, צום סוכנות, צו כנסת, א.אַז.וו. א.אַז.וו.

און אַז דו ווערסט שוין גיין צו די אַלע טויזנט וווּנדערלעכע זעענסווירדיקייטן, ווערסט דו זיי דען זען, אַז דיינע אויגן זיינען אויסגעברענטע פון די נאַרגילע־ און וויי־רויך? און דיינע וואַקלדיקע פיס גייען שוין פון זיך אַליין, אָפּהענטיק און טרויעריק, און לאָזן זיך אַראָפּ צום מאה־שערים — עס איז דאָך דאָס נאָענטסטע צום הארץ פון ירושלים!



און אַז מען איז קוים געציילטע טעג אין ישראל, קאָן מען שוין קוים אַ פוס אַרויסשטעלן פון די הייליקע געסלעך, אייגענע און היימישע; פול מיט גלויבן ווערט מען דאָ, אין די געסלעך אַרום מאה־שערים: אַז צוויי דריי דורות, אַ פאָר מינינים כולל־יידן האָבן געקענט פאַרפעסטיקן און פאַרהיימישן, ווי ערשט איצט די הונדערטער טויזנטער איבער גאַנץ ישראל — — —

עס לאָקן דיך די קבוצים, די קבוצות, דער גליל, דער נגב; פון דן ביז באר־שבע וואַרטן אַלע קינדער־חלומות אויף דיר, זיך צו זען פנים אל פנים; און די נעכט זיינען כשוף־קרייזן אַרום דיר, שוואַרצע גורל־רעדער איבער דיין קאָפּ.

3

מען מוז זיין אַ פסחדיקן יום־טוב טאָג אין מאה־שערים צו דערפילן די רחבות פון יידישקייט. צו דערבליקן עין בעין דאָס הדרת־פנימדיקע אויסזען פון אייביקן ישראל סבא. פון די אייגעלעך פון אַ יינגעלע, פון פינפטן דור דאָ שוין געבוירענעם, קוקט ליכטיק אַרויס דאָס גאַנצע שטעטעלע וווּ זיין עלטער־עלטער זיידע איז נאָך געבוירן געוואָרן. מען זעט די ברענענדיקע תשוקה נאָך צו דער הייליקייט פון ארץ ישראל. און אַז מען זעט אַזאַ יידישע פרוי, מיטן טיכעלע טיף איבערן שטערן און מיט דער פאַטשיילע איבער די אַקסלען, קושן עפּעס אַ ווינקל מויער פון אַן אַלטער שול, פאַרשטייט מען ערשט וואָס עס הייסט „מקום קדוש". און אַליין דערפילט מען פּלוצלינג ווי עס פאַרגלייזן זיך די אויגן און די ליפּן שעפּטשן אַ תפילה, אַ ברכה, וואָס מען האָט אַליין זוכה געווען אָפּצושטאַמען פון אַזאַ יידישער מאַמע.

מיט די אָרימע גראָשנס פרייטאָג פאַרן ליכט־בענטשן פאַר רבי מאיר־בעל־נס, מיט די געזאַמלטע פאַר גילדן פאַר כולל האָט יעדע יידישע שטאָט און שטעטל געזאָרגט, אַז ס'זאָל כאָטש איבערבלייבן אַ שטיקל זכר פון זיי, אַ געדעכעניש. און יעדער געבליבענער ייד, — אויב ער איז נאָר געבליבן אַ ייד! — פון פוילן און גאַליציע, פון ליטע און אוקראַינע, פון וואָלין און בעסאַראַביע, פון רומעניע־טשעכן־אונגאַר, אַז מען באַטרעט נאָר די שוועל פון מאה־שערים פילט מען זיך אין דער היים — 100 טויערן האָט דאָס שמאָלע געסל און פאַר יעדן הארץ עפנט עס זיך אויף! פון וועלכן שטעטל אַ ייד זאָל נישט קומען, פון פאַרוואָרפנסטן, זעט ער דאָ זיינס גלייכן, זיין שפּיגל־בילד, מיטן מינדסטן בויג און קנייטש, מיט יעדער תנועה און העויה — ס'זאָל פעלן אַ האָר!

בערדיקע ברייטע יידן, אין ווייסע הויזן און פאַרביקע כאַלאַטן און שטריימלעך איבער די צעפּלאָשעטע קעפּ, מיט אַזאַ זינגענדיקן ברייטן גאַנג; אַקסל ביי אַקסל טוליענדיקע יונגעלייטלעך געקליידעט אין סאַמעט און אין זיידנס: שפּרינגנדיקע אינגלעך, ווי לאָשעקלעך פאַראויס, מיט צעפּאַכעטע קאַפּאָטקעלעך, און שטילע מיידלעך, אין שוואַרצע זאָקן איבער די קני מיט זייערע מאַמעס געאָרעמט — עס איז אַזאַ יום־טוב'דיק געגיי, אַזאַ מתוקותדיקער־צניעותדיקער, דור־דורות אַ צוגעוווינטער, אַ מעמקימדיק פאַרטיפטער

און אויסגעטרעטענער, איבער דעם 100 טויערנדיקן געסל אַראָפּ צו דער כותל — — —

און פלוצים בלייבט מען שטיין! ווי פאַרן טויער פון גן־עדן, וואָס איז באַוואַכט פון די כרובים און פונם חרב־המתהפכת — פון איין זייט אַ וואַך פון יידישן חייל און פון דער אַנדערער זייט ציען זיך די אַראַבישע לעגיאָנערן מיט מוזיק אַהין און צוריק, זיך צו רייצן דאָ מיט די יידן. די טראָמפּייטן און די רויטע קאָפּ־טיכער בלאַנקן אין דער לופט! זיי צינדן זיך אָן!

און אַז מען דערזעט דאָס, ציט זיך צוזאַם דאָס האַרץ און אַ רויך פאַרציט זיך איבער די אויגן. דאָס אויסטערלישע יאָמער געשריי, פון אַלע ביינער אַן אויסגעבראָכנס: „מפני חטאנו גלינו מארצנו” פון „רבי אהרעלעס שול” הערט נישט אויף צו רוישן אין די אויערן — — —

4

און אַזוי ווי איך האָב נישט זוכה געווען צו דערפילן די קדושה־ ראשונה פון ירושלים, איז מיר אויך נישט באַשערט געווען, אין די קורצע טעג, פאַרבייגייענדיק אייניקע קבוצות אויפן וועג קיין חיפה צו זען, צו דערשפּירן, די קדושת הארץ, וואָס די חלוצים און די עולים־חדשים אַרבעטן אויס מיט זייערע הייליקער און מסירת־נפשדיקער עבודה.

איז אויב דער איינדרוק פון אַ טוריסט אָן עולה־רגלניק איז אַביסל נישט „בסדר”, וועל איך עס בעסער מאַכן באַריכטנדיק און מיט ציפערן — על רגל אחת: די מדינת־ישראל שטייט פעסט און אויף ביידע פיס. 70 פּראָצענט לערך, זענען איינגעאָרדנט און לעבן אַ גליקלעך לעבן, 10 פּראָצענט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אַנטוישטע, אָבער די סבה שטעקט נישט נאָר אינעם לאַנד און אין די שווערע און פרעמדע באַדינגונגען, נאָר אויך צום טייל אין זיי אַליין. און זייערע שרעקלעכע און בייזע רייד וואָס זיי ריידן איז מער געווענדט צו זייער אייגענער פאַרביטערטקייט און אומבאַהאָלפנקייט. 20 פּראָצענט, נישט צוגעפּאַסטע צום קלימאַט און צו די באַדינגונגען, בלייבן אין לאַנד, נישט ווייל זיי זענען ווייניקער פאַרביטערט פון די וואָס פאָרן אַוועק, נאָר ווייל זיי זענען אַזוי אומבאַהאָלפן, צומאָל נישט צו קענען עוקר זיין... אָבער אין אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט, — צומאָל אַנטוויקלטערע און רייכערע ווי ישראל! — זענען נישט אַלע בירגער וואָס וווינען אין זיי גליקלעך און צופרידן.

אָבער די העכסטע דערגרייכונג, וואָס ישראל וועט אין דער צוקונפט דערגרייכן וועט זיין וואָס איבער 50 פּראָצענט פון אירע בירגער וועלן זיין, גוט־איינגעוואָרצלטע און געזונטע פּראָלעטאַריער. שוין דאָס וואָס ס'איז איצט איז שוין מער ווי אַן עקספּערימענט, עס איז — אַ רעוואָלוציע!

און באמת, ליגן אויפן גליאיקן כביש אין דער הייסער ישראל־זון, שטיין אויף רישטאָוואַניעס אין שטויב און אין גלי פון אַ האַלב טראָפּישע מזרח־זון אָנגעטריבן פון משגיחים־שוטרים איז אויסדויערנדיקער קאַמף ווי אונטער באַריקאַדן, און נישט איינער פאַלט אַוועק און פאַלט אָפּ אין מיטן געראַנגל.

עס איז באמת נישט משיג צו זיין דעם אינערלעכן רעוואָלוציאָנערן כוח



פון אַ פאָלק ווי אַזוי פון די אַלע פּליטים־רעשטלעך און סעקטעס, וואָס שטראָמען צוזאַם פון אַלע וועלט טיילן, ווי שטיקער קריע'ס נאָך אַ מבול, בויט זיך אויף אַן אַרבעטסזאַם פאָלק מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גלויבן; ווי פון די אַלע זשיפּיצעס און כאַלאַטן, קאָסטיומען און טענדעווערענצעס איז איבערגעניצעוועט געוואָרן, איבערנאַכט אַ סאָלדאַטסקע אוניפאָרם, אַ גענעראַלסקע מונדיר, שפּאָגל־ניי און געפּאַסט צו דער מאָס.

ישראל איז אַ מדינה, נישט נאָר דע־יורא, און דע־פאַקטאָ, ס'איז אַ לאַנד, וואָס אַז אַ יידישע פוס באַטרעט עס, וועט עס אים שוין שווער זיין דערנאָך צו טרעטן אויף פרעמדער ערד, אַפילו ווען ער האָט אַלע בירגערלעכע רעכט, דע יוראָ און דע פאַקטאָ — אויסנאַמען באַשטעטיקן נאָר דעם רעגל, דעם כלל!

און אַז עס זאָלן קומען אַצינד אַלע אומות־העולם, פון מזרח און פון מערב, וועלן זיי שוין די מדינת־ישראל נישט קענען חרוב מאַכן. די געפאַר פאַר מלכות ישראל איז נאָר דער צו שטאַרקער „ככל הגויים” וואָס אין אונז, און מיר מוזן אים באַצייטנס גובר זיין.

5

און דאָס איז טאַקע דער נס פון מדינת־ישראל, דעם געוואַגטן שפּרונג וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט געמאַכט; אַלע זיינע רמ"ח־אברים צוזאַמענצונעמען, — אַפילו זיינע אברים המדולדלים! — און געטון דעם שפּרונג צו ווערן פון אָפּגעריסענע שבטים, פון רעליגיעזע סעקטעס אין נאַציאָנאַל פאָלק. וואָרים קליין און ווינציק זיינען אונזערע שבטים און סעקטעס געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. און ווי קליין אין כמות, נאָך ווינציקער אין איכות! אָן רעליגיעזן ברען, אָן טיפקייט, אָן אינערלעכקייט, אָן מדריגות־דיקע הויכקייט און בעיקר אָן מסירת־נפש — נאָך אַ קליינינקייט, מיר הערן אויף אינגאַנצן שוין צו עקזיסטירן! וואָרים דער גייסטיקער קולטור־שעפערישער כוח, וועלכער האָט אונז אין די לעצטע דריי־פיר דורות געבונדן מיט אחדות־הבריאה, האָט מיטן אומקום פונם מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום, אויך שוין כמעט פאַרלוירן דעם אוממיטלבאַרן פאָלקס־כוח. דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב איז נאָך דערווייל נישט צו שטאַרק איבערצייגנדיק, אָבער קומענדיק קיין ישראל דערפילט מען אויף אייגענעם לייב און לעבן, ווי עס כאַפּט אַצינד אַרום דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און גלויבן גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק און נישט נאָר די וואָס וווינען אין ישראל!

דער התלהבות, דער פלאַם, וועלכער האָט דאָס יידישע פאָלק אַרומגעכאַפּט, דאָס איז דער נס! און וואָס עס גייט אָבער בעיקר, איז, אַז דער ברען, דאָס פייער זאָל נישט זיין קיין אש־זרה, קיין פרעמד פייער, און וועלכן מיר קענען נאָך, חלילה, פאַרברענט ווערן; און וואָס עס גייט איז, אַז דער נאַציאָנאַליזם זאָל אָנגעפילט ווערן מיט יידישע אינערלעכקייט, מיט טראַדיציאָנעלע און פאָלקסטימלעכער שעפערישקייט; אַז דער טאָפּ, און וועלכן אונזערע שבטים און סעקטעס שמעלצן זיך צוזאַם אין איין אייניקייט און אחדות, אַז דער טאָפּ אַ געברענטער אויף שייטער־הויפנס און קרעמאַטאָריומס, זאָל זיין

און אויסגעטרעטענער, איבער דעם 100 טויערנדיקן געסל אַראָפּ צו דער כותל — — —

און פלוצים בלייבט מען שטיין! ווי פאַרן טויער פון גן־עדן, וואָס איז באַוואַכט פון די כרובים און פונם חרב־המתהפכת — פון איין זייט אַ וואַך פון יידישן חייל און פון דער אַנדערער זייט ציען זיך די אַראַבישע לעגיאָנערן מיט מוזיק אַהין און צוריק, זיך צו רייצן דאָ מיט די יידן. די טראָמפּייטן און די רויטע קאָפּ־טיכער בלאַנקן אין דער לופט! זיי צינדן זיך אָן!

און אַז מען דערזעט דאָס, ציט זיך צוזאַם דאָס הארץ און אַ רויך פאַרציט זיך איבער די אויגן. דאָס אויסטערלישע יאָמער געשריי, פון אַלע ביינער אָן אויסגעבראָכנס: „מפני חטאנו גלינו מארצנו" פון „רבי אהרעלעס שול" הערט נישט אויף צו רוישן אין די אויערן — — —

4

און אַזוי ווי איך האָב נישט זוכה געווען צו דערפילן די קדושה־ראשונה פון ירושלים, איז מיר אויך נישט באַשערט געווען, אין די קורצע טעג, פאַרבייגייענדיק איייניקע קבוצות אויפן וועג קיין חיפה צו זען, צו דערשפירן, די קדושת הארץ, וואָס די חלוצים און די עולים־חדשים אַרבעטן אויס מיט זייערע הייליקער און מסירת־נפשדיקער עבודה.

איז אויב דער איינדרוק פון אַ טוריסט אָן עולה־רגלניק איז אַביסל נישט „בסדר", וועל איך עס בעסער מאַכן באַריכטנדיק און מיט ציפערן — על רגל אחת: די מדינת־ישראל שטייט פעסט און אויףביידע פיס. 70 פּראָצענט לערך, זענען איינגעאָרדנט און לעבן אַ גליקלעך לעבן, 10 פּראָצענט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אַנטוישטע, אָבער די סבה שטעקט נישט נאָר אינם לאַנד און אין די שווערע און פרעמדע באַדינגונגען, נאָר אויך צום טייל אין זיי אַליין. און זייערע שרעקלעכע און בייזע רייד וואָס זיי ריידן איז מער געווענדט צו זייער אייגענער פאַרביטערטקייט און אומבאַהאָלפנקייט. 20 פּראָצענט, נישט צוגעפּאַסטע צום קלימאַט און צו די באַדינגונגען, בלייבן אין לאַנד, נישט ווייל זיי זענען ווייניקער פאַרביטערט פון די וואָס פאָרן אַוועק, נאָר ווייל זיי זענען אַזוי אומבאַהאָלפן, צומאָל נישט צו קענען עוקר זיין... אָבער אין אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט, — צומאָל אַנטוויקלטערע און רייכערע ווי ישראל! — זענען נישט אַלע בירגער וואָס וווינען אין זיי גליקלעך און צופרידן.

אָבער די העכסטע דערגרייכונג, וואָס ישראל וועט אין דער צוקונפט דערגרייכן וועט זיין וואָס איבער 50 פּראָצענט פון אירע בירגער וועלן זיין, גוט־איינגעוואָרצלטע און געזונטע פּראָלעטאַריער. שוין דאָס וואָס ס'איז איצט איז שוין מער ווי אַן עקספּערימענט, עס איז — אַ רעוואָלוציע!

און באמת, ליגן אויפן גליאיקן כביש אין דער הייסער ישראל־זון, שטייַן אויף רישטאָוואַניעס אין שטויב און אין גלי פון אַ האַלב טראָפּישע מזרח־זון אָנגעטריבן פון משגיחים־שוטרים איז אויסדויערנדיקער קאַמף ווי אונטער באַריקאַדן, און נישט איינער פאַלט אַוועק און פאַלט אָפּ אין מיטן געראַנגל.

עס איז באמת נישט משיג צו זיין דעם אינערלעכן רעוואָלוציאָנערן כוח



פון אַ פאָלק ווי אַזוי פון די אַלע פּליטים־רעשטלעך און סעקטעס, וואָס שטראָמען צוזאַם פון אַלע וועלט טיילן, ווי שטיקער קריע'ס נאָך אַ מבול, בויט זיך אויף אַן אַרבעטסזאַם פאָלק מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גלויבן; ווי פון די אַלע זשיפּיצעס און כאַלאַטן, קאָסטיומען און טענדעווערענצעס איז איבערגעניצעוועט געוואָרן, איבערנאַכט אַ סאָלדאַטסקע אוניפאָרם, אַ גענעראַלסקע מונדיר, שפּאָגל־ניי און געפּאַסט צו דער מאָס.

ישראל איז אַ מדינה, נישט נאָר דע־יורא, און דע־פאַקטאָ, ס'איז אַ לאַנד, וואָס אַז אַ יידישע פוס באַטרעט עס, וועט עס אים שוין שווער זיין דערנאָך צו טרעטן אויף פרעמדער ערד, אַפילו ווען ער האָט אַלע בירגערלעכע רעכט, דע יוראָ און דע פאַקטאָ — אויסנאַמען באַשטעטיקן נאָר דעם רעגל, דעם כלל!

און אַז עס זאָלן קומען אַצינד אַלע אומות־העולם, פון מזרח און פון מערב, וועלן זיי שוין די מדינת־ישראל נישט קענען חרוב מאַכן. די געפאַר פאַר מלכות ישראל איז נאָר דער צו שטאַרקער „ככל הגויים" וואָס אין אונז, און מיר מוזן אים באַצייטנס גובר זיין.

5

און דאָס איז טאַקע דער נס פון מדינת־ישראל, דעם געוואַגטן שפּרונג וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט געמאַכט; אַלע זיינע רמ"ח־אברים צוזאַמענצונעמען, — אַפילו זיינע אברים המדולדלים! — און געטון דעם שפּרונג צו ווערן פון אָפּגעריסענע שבטים, פון רעליגיעזע סעקטעס אין נאַציאָנאַל פאָלק. וואָרים קליין און ווינציק זיינען אונזערע שבטים און סעקטעס געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. און ווי קליין אין כמות, נאָך ווינציקער אין איכות! אָן רעליגיעזן ברען, אָן טיפקייט, אָן אינערלעכקייט, אָן מדריגותדיקע הויכקייט און בעיקר אָן מסירת־נפש — נאָך אַ קליינינקייט, מיר הערן אויף אינגאַנצן שוין צו עקזיסטירן! וואָרים דער גייסטיקער קולטור־שעפערישער כוח, וועלכער האָט אונז אין די לעצטע דריי־פיר דורות געבונדן מיט אחדות־הבריאה, האָט מיטן אומקום פונם מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום, אויך שוין כמעט פאַרלוירן דעם אוממיטלבאַרן פאָלקס־כוח. דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב איז נאָך דערווייל נישט צו שטאַרק איבערצייגנדיק, אָבער קומענדיק קיין ישראל דערפילט מען אויף אייגענעם לייב און לעבן, ווי עס כאַפּט אַצינד אַרום דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און גלויבן גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק און נישט נאָר די וואָס וווינען אין ישראל!

דער התלהבות, דער פלאַם, וועלכער האָט דאָס יידישע פאָלק אַרומגעכאַפּט, דאָס איז דער נס! אין וואָס עס גייט אָבער בעיקר, איז, אַז דער ברען, דאָס פייער זאָל נישט זיין קיין אש־זרה, קיין פרעמד פייער, אין וועלכן מיר קענען נאָך, חלילה, פאַרברענט ווערן; אין וואָס עס גייט איז, אַז דער נאַציאָנאַליזם זאָל אָנגעפילט ווערן מיט יידישע אינערלעכקייט, מיט טראַדיציאָנעלע און פאָלקסטימלעכער שעפערישקייט; אַז דער טאָפּ, אין וועלכן אונזערע שבטים און סעקטעס שמעלצן זיך צוזאַם אין איין איייניקייט און אחדות, אַז דער טאָפּ אַ געברענטער אויף שייטער־הויפנס און קרעמאַטאָריומס, זאָל זיין

באצירט מיט די יצירה עמבלעמס פון אונזער גייסטלעכער און גייסטיקער ירושה; אזוי אז ווען אַ נביא וועט אים אויפהויבן, זאָל ער אים אַ שאָד זיין צו צעשמעטערן — — —

דאָס ערשטע מאָל, אז מיר זענען געקומען אין לאנד אַריין, האָבן מיר פאַרארבעט, מיט עבודת הפרך, דעם טויט־קולט פון מצרים צו אן אייביק לעבעדיקן אל־חי. מיט די אויפגעשריבענע נביאים וכתובים זיינען מיר דאָס צווייטע מאָל געקומען קיין ירושלים. און מעגלעך, ווען נישט די מחלוקות פון די בית־שמאי, ווען מיר וואָלטן אויפגענומען דעם הלל הבבלישן טייטש, על רגל אחת, פונם „ואהבת לרעך כמוך“, אָן וועלכע סעקטאַנטישע מחלוקתן. וואָלט עס אונדז געווען געשפּאָרט די 2,000 יאָר ליידן און וואַנדלענישן.

עס איז קיין שום ספק נישט, אז עס עקזיסטירט אַ יידישע מלוכה, און אז כמעט אלע יידן פון דער גאָרער וועלט פילן די פאַרבונדנקייט מיט מלכות ישראל. שוין אין דעם געראַנגל און אין אָנשטרענג פאַר איר זיין און באַשטיין איז אַ סך אָפּהענגיק אונזער עקזיסטענץ, אומעטום ווו מיר זיינען. אָבער אויך די זיכערקייט פון מלכות ישראל איז אָפּהענגיק אויף וויפיל זי וועט אויפנעמען און פאַרוואַנדלען שעפעריש די תשוקות און די משיח־וויזיעס און התגלותן אויף אונזערע נע־ונד וואַנדלעניש איבער דער גאָרער וועלט. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אַפילו דער אָנשטרענג און דער ווירקנדיקער רצון צו האָבן דעם מקום מקדש, דעם הר המוריה, איז אַ סך אָפּהענגיק אויף וויפיל די גלותדיקע בענקענישן וועלן אַריין אין בלוט און אויפגענומען ווערן פון די ישראל בירגער און די מנהיגים פון מלכות ישראל. אפשר, אַ מדינת ישראל קאָן עקזיסטירן אָן די שטאָט ירושלים, אָן הר־המוריה, אָבער עם ישראל און ארץ־ישראל קאָן אנדערש נישט זיין, און אנדערש נישט עקזיסטירן, ווי „ירושלים הרים סביב לה, ד׳ סביב לעמו מעתה ועד עולם“.

## על רגל אחת...

## אין ירושלים

1

אז יעדע זאַך פאַרגיסט דאָס אויג מיט אַ טרער,
און ארום אלצדינג דער פלאטער נאָך פון גאָט,
טאָ ווי אזוי בילד־פאַרגלייך און מינדסט געשטאלט?
דערפילט כ׳האָב דאָ די הוילקייט פון מיין הארץ —
אזוי לויטער איז דער אויר דאָ.

פאַרגליווערטע בת־קול׳ס שטייען ארום די בערג!
אין מיין וואָרט, קוים פאלנדיק פון מיין ליפּ,
דעם פאַלטשן קלאַנג שוין כ׳דערהער —
יעדער שטיין צו מיין פוס איז אַ פּרוּווּשטיין!
אָ, אין אַ שפּאַלט דאָ פאַרוואלגערן און נישט זיין מער — — —



2

ליגן געבליבן פאַרשטיינערטע פאַר שרעק,
זיינען די שעפסן־סטאַדעס מיט זייערע פאסטוכער,
ווען געטריבן מ׳האָט די יידן פון ירושלים;
די אַרויסשטאַרטשנדיקע פאלמעס דאָ און דאָרט,
די פאסטוך־שטעקנס זייערע, די הויכע.

און דער הויך, אויפגעהויבענער כאמסין־זאמד —
דער בין השמשות־שטויב פון אונטער זייערע פיס,
אַ הענגען געבליבענער אין דער לופט.
נאָך האלבער נאכט נאָר וועקן זיך די פאסטוך־הינט,
און ווערן אזוי יאָמערלעך אויסטערליש.

3

אַקייגנגעגאנגען כ׳בין די זון יעדן אין דער פרי
ווען זי איז אויפגעגאנגען איבער ירושלים;
גאנצע שעה׳ן האָט עס גענומען,
ביז זי האָט אויסגעטריקנט די טרערן אויף מיין פנים;
אלע קלויסטער־גלעק זיינען געגאנגען איבער מיין לייב.

מעסער־קלינגען בלאנקן קלויסטער־קרייצן אין זון!
איך האָב געהערט דעם ריס פון הימל איבער ירושלים,
ווי זיידנצייגיג וואָס ווערט קריעה געריסן — — —
ווי אַ „שויתי“ פאַרן עמוד אינדערהיים,
הענגט די כותל מערבי פאַר מאה־שערים.

4

דאָ אין די בערג האָט אַ קעניג געטראָגן זיין קרוין,
ווי אַ יונגער הערש טראָגט זיינע הערנער,
און אין זיין געטוליע צו גאָט זיי אַראָפּגעשליידערט,
ווי אַ יונגער הערש שליידערט זיינע אַראָפּ,
אין גלוסטעניש־געראנגל פאַר דער הערשעכע.

און אַ ווילד־צעברילטער לייב איז ער געוואָרן, —
פאַרוואונדיקט פון פאנג געשטעלט זיך אים אין קעל!
ווען זיין געבראָכענער ווילן האָט זיך צעברילט.
ווי אַ „כלב־החי“ האָב איך געבלאָנקעט דאָ אין די בערג,
אַ ווידער־קול כאָטש פון יענעם געשריי צו פאַרנעמען.

5

אַ מחנה געקומענע קיין ירושלים,
דאָס קרבן פּסח אָפּצוריכטן,
זיצן זיי צוזאַמענגעקוועטשט און ענג,
און ווי פון פּריש געבראָטענעם,
רויכערט פון זייערע מײַלער אַ ניגון.

שטיינער אַרויסגעריסענע פון כותל
אַזוי זעען אויס זייערע פּנימער,
און זייערע אויגן קוקן אַרויס פון די שפּאַלטן;
לעצטע מטבעות אין מאיר בעל נס,
אַזוי הייזעריק איז צעקלונגען זייער יאָמער.

6

איז אַ ווונדער אז דער הימל איז אַזוי קלאָר,
און יעדער שטערן אַזוי גלאַנציק געפּוצט,
אז גאַנצע טעג פּאַכן די פלאַמען איבער די הימלען,
דאָס מינדסטע וואָלקנדל צו פאַרווישן,
און די כאַמסינען שייערן די שטערן.

איך האָב די פּסחדיקע לבנה געזען אין ירושלים,
קיין איין פּלעקעלע איז אויף איר נישט געווען,
נאָר אַזוי פינקטלעך אַלצדינג אויסגעשטעלט,
ווי אויף מײַן טאַטנס געשייערטע סדר־שיסל,
פּסח אויף דער נאַכט צום סדר.

6

ווי די זעכציק גבורים פון לינקס,
און די זעכציק גבורים פון רעכטס,
אַזוי שטייען די ציפּרעסן אין דער זון,
אונטער זייערע מאַנטלען באַהאַלטן,
טראָגן זיי זייערע בלאַנקע שווערדן.

און ווי איבער שלמה המלך׳ס הימל־בעט,
אין די נאַכט פון זײַן חתונה
הענגט פולע לבנה אַ גאָלדענער דיאַדעם — —
אין זייער גערויש האָב איך שטיל געטרעטן
און געהערט דאָס געקלאַנג פון די שווערדן.



8

פון אַ שויתי אַראָפּ צוויי וואָליטשקענע וואָקלדיקע טויבן,
פונם שיר־השירים אַרויס, וואָרקנדיקע,
פון דער כותל אהער אַריבערגעפלויגן,
איך גיי זיי נאָך טריט בײַ טריט,
וואָקלדיק און ווינקלדיק פון ליקל צו ליקל.

און ווי זיי איינע די אַנדערע אַנטקייגן,
טאַנצט מײַן הארץ אַ וואָרקנדיקס:
אַזויפיל אויפגעשטעלטע חורבות אַרום,
אפשר וועט עס מיך פאַר אַ בנין אַ נײַעם דערפירן,
דאָס געלאַך פון דער שכינה דאָרט אַרויסצוהערן.

9

אַ ריזן נעץ פון אַ פעלדז אויסצוהאַקן,
אָדער אַ שטיינדל אויסזוכן און געפינען,
עס שפּיציק צו שלײַפן און שליידערן,
צי אַ מזבח צומאָל פון איין שטיין אויפגעשטעלט — —
זינדיק פאַרשטייניקט ס׳וועט אַלץ בלײַבן די שטאָט!

ווען פון אַלע שטיינער בנינים וועלן ווערן,
און ווו פעלזן איצט מרה שחורהדיק שווײַגן,
וועלן צעפּרעסן פרייִדיקע רוישן,
געוואַלטיק גרויס וועט און ווונדערלעך ווערן די שטאָט —
דערצו דאָך אַזויפיל געשטיין אויסגעטראָגן האָבן די בערג דאָ!

10

טאָ ווו אַהין אויב נישט צום גיהנום טאָל,
צום ציפּרעסן־בלוילעכן טונקל רויכיקן,
אַז צו דער כותל מיך נישט צופירן האָסט געקענט?
זײַן רויטער קאָפּ האָט געפלאַמט אין דער פינסטערניש,
האָב איך אים מיט מײַן טונקלען טליענדיקן פאַרשטעלט.

די יאָגנדיקע שאָטנס אויף דער אַלטער מויער — —
די אויפבליצנדיקע פלינקע פײַערלעך — —
אַצינד ווייס איך פאַרוואָס דער גיהנום
האָט געמאַכט אויפציטערן אונזערע הערצער,
נאָך אין אונדזער קינדהייט אינדערהיים.

11

ווייל אזויפיל נביאים פארשטייניקט,
דערפאר די בערג שטיינער דאָ, די געוואַלטיקע,
אָדער ווייל „ודבר אדוני מירושלים“,
מוז אזויפיל געשטיין דערפאר דאָ זיין,
גאָט׳ס וואָרט דעראויף אויסצוקריצן?

ס׳פארשטיינט מיין הארץ מיט אזויפיל פארשטיין:
אַזוילאַנג וועט שטאָט דאָ בלייבן פארשטייניקט,
ביז יעדער איינער פון אונז פארשטיין וועט:
נישט אַז נאָך איין פאָלק צווישן די פעלקער,
אַז איין גאָט נאָר איבער דער וועלט ס׳איז פאראן — — —

12

אויב ס׳איז דער ערד־קײלעך דאָס זיך דרייענדיקע ראָד,
שאַרפע שווערדן דערין אויסצושאַרפן,
איז יעדער פעלד דאָ פאר קאָסע, שלייפשטיין, אויסגעגלעטער.
יאָ, זיי האָבן דאָך געמוזט נעמען די שווערדן אין די הענט,
כדי די קאָסעס פון זיי אויסשלייפן צו קענען.

געקומען פון אַלע פיר ווינטן, מיט ווונדן אין די הענט,
מיט זיבטן שווייס פארשטייניקטע אקערס צו באַפייכטן,
אפנים, אז צו ווינציק די טרערן צומאָל,
אַז אויך זייער בלוט זיי האָבן אויסגיסן געמוזט — —
אָ, ווי דעם מענטש׳ס איז דאָס הארץ פון דער ערד פארשטיינערט.

13

עס וועלן נאָך אויפשטיין נביאים אין ישראל —
איך האָב געזען אזויפיל פארביטערטע פרויען,
די ליפן זייערע האָבן זיך שטיל באוועגט,
און דאָס געשעפּטשע פון זייערע ווערטער,
האָבן מײנע אויערן נישט דערהערט.

עס וועלן נאָך אויפשטיין נביאים אין ישראל
דאָס מעשהלע פון איינאיינציקן שעפסעלע צו דערציילן —
עס מוז דער רייכער האָבן אלע סטאדעס,
און דער כהן לעצטן ביסן רייסן פון טאָפּ,
אָבער דאָס איינאיינציקע שעפסעלע בלייבן וועט אייביק.





1

העכער אלץ העכער הויבן זיך די געסלעך,
שטאַפּלעך אין אַ לייטער אָן אויפגעשטעלטע,
איר שפּיץ מיטן אויג נישט צו דערגרייכן,
און דאָס געגיי אַרויף און אַראָפּ —
ווי אין יעקבס חלום.

און אונטן דאָס הימלישע פארטרוימטע,
זיינען דאָס דען טויטע אין קברים,
זיי ליגן דאָך דאָ און חלומען — — —
דאָס אויפגעריסענע אויג צווישן די בערג,
ווי עס קוקט מיך אָן אזוי רויטלעך און פארטרוימט.

2

געהערט כ׳האָב די הענער קרייען אין צפת,
און פארשטאנען דעם טייטש פון „הנותן לשכוי בינה“;
זעענדיק אַ שעפּס ארויסקוקן פון שטאַל
מיט זיינע גרויסע אויגן אין בלויען באגין,
און דעם סוד הגילגול כ׳האָב פארשטאנען.

און ווען מ׳האָט מיך אַריינגערופן אין ארי׳ס שול,
ווייל ס׳האָט געפעלט אַ צענטער צום מנין,
האָט מיין הארץ זיך אַ ריס געטון אין מיר —
דער זיך אויפגעהאנגענער דילה ריינה אויפן שטריק!
אז בײדע, זון און קו, דערשרעקן זיך פאר מיר?

## ארויף קיין מירון

אַ זון אונטערגיי פון אונטער אַ וואָלקן אַפּויער,
אונטער אַ פעלדז אַ שטיינגעבליבענע קו,
נעמט דיך אַדורך מיט דורכדרינגנדיקן בליק;
און שטיי איך נישט ווי אוועקגעשטעלט פון שטיין
אַז בײדע, זון און קו, דערשרעקן זיך פאר מיר?

נישט קיין הימל הענגט דאָ איבער די בערג, נישט קיין וואָלקן,
עפּעס הענגט דאָ איבערן טאָל דער גורל פון דער וועלט!
מיר האָבן אַרויסגעטראָגן פון דאָ גאָט׳ס וואָרט,
קומען מיר צוריק אצינד מיט די טרער פון מענטש — — —
וועלן מיר זי כאָטש קענען דערטראָגן ביז צו גאָט?

## „אל מלא רחמים שוכן במרומים“

מיט בלעכערנעם קאָנסערוון שעכטל, צעקנייטשטן,
פון וועלכן די עשרה בטלנים, צעסלינעטע,
האָבן מיט פעטע פינגער דאָס פלייש אויסגעלעקט,
האָט זי זיך אַ ביסל ערד דאָ צוזאַמגעקראַצט,
לאחר מאה שנים מומיעדיק צו קאָנסערווירן.

כ׳האָב זי אָנגעקוקט די „אַמעריקאַנער לײדי“,
און איר „דזשענטלמען“ מיטן שנופּטיכל אויפן קאָפּ,
און ווי אַ פאָן פלאַטערדיק — אַן „ערב“ איבער זוהר,
האָב איך מיין טאַטנס רויטע פאַטשיילע דערזעהן,
און מיין מאַמען אין זיידן שלייער איבער שטערן.

## תל-אביב

מושל-שיסעלעך אזעלכע, פון ים ארויסגעשווענקטע,
בלאַנקן די הייזער אין דער פולער זון;
ווי לײדיק צעהילכט עס איז די שטאָט.
נאָך וואָס נאָך די כותל מערבי, באמת,
אז פאר „הימל קראַצערס“ בעטלער מיט צעשטרעקטע הענט.

עס וועלן נאָך דאָ, אין טומל פון די גאסן,
בארוישטע נביאים ווילדע ארומלויפן!
אָ, די פרייד איצט, אַז מיך האָבן נאָך איצט
אַ וואַנט צו אַ וואַנט צוזאמשלעפּן געקענט,
ווו נביאים זאָלן געבוירן ווערן.

## אויף רחוב אלנבי

ווי אויף פראָנט פון אַ שול, אויף שפּיץ פון געזימס,
ווי אויפן „אנוכי“ פון די „עשרת הדברות“,
שטעלט זיך צניעותדיק די זון אויף אַ גאָלדענע שילד,
און לײנענדיק די אותיות, די פיר קאַנטיקע,
ווי אַן אָפּגעבריטע שפּרינגט זי צוריק אָפּ — —

ווער ווייסט וואָס דאָרטן אויף דער שילד זי האָט געלעזן?
ווי רויט, ווי פאַרשעמט זי איז דאָס געוואָרן,
דאָס גאַנצע בלוט איז איר אין פּנים געקומען,
איז זי שנעל, מיט אַראָפּגעלאָזטן בליק די שול גיך פאַרביי,
גלייך צום ים זיך צולאָזן, צו טבילה.



## יפו

ווי דעמלט בשעת יונהס אנטלויפן פון גאָט,
זעט דער הימל היינט נאָך אויס און דער ים;
און ווי דער טויטער פיש צווישן זיינע פיס,
וואַשנדיק זיין אינגעווייד אין זאַמד,
זעט דער אראבער אלץ אויס אזוי פרעמד.

יונהלע, העלף מיר, בא הנה,
ס׳פאלט דער טונעל אין ים אריין!
שרייט אַ שפּילנדיק תימן-מיידל האלב יידיש — — —
און איך דערלעב דעם טייטש פון דער ברכה:
„ארבה את זרעך... כחול אשר על שפת הים“.

## אן אלטער דקל בוים

אין אַן אָפּגעבליאַקעווען אבאַיע,
דעם טארבוש איבער די אויגן פאַררוקט,
שטייט ער אין די ברייטע מייטקעס,
אַ פארלאָזענער, אַ באוואקסענער,
כאָטש אַ נארגילע אין מויל אים צו שטופּן.

אַן אייביקייט אזוי וועט ער שטיין אין דער זון,
קיין פּיפּס פון זיין באָרד און וואָנס נישט אַרויסצולאָזן!
אין דער נאכט נאָר, כאמסינישער, פינסטערער,
צערוישט ער זיך הייזעריקלעך יאָמערלעך,
נאָך זיינע ווייבער, וואָס זיינען מיט זיין בכור אנטלאָפן.

## סאברע-קשאקעס

כאפּטעס אראבער מיט ווייבער און קינדער,
געל און גרין דערשראָקן און געבויגן,
פון די פיס פאלנדיק איינס אויפ׳ס אַנדערע,
ביינערדיק טוליענדיק מיט שטויב אין די אויגן,
מיט אויפגעשטעלטע האָרכנדיקע אויערן.

אפשר אין ראָוו דאָ זיך אַריינוואַרפן,
אָדער אריבערשפּרינגען און ווייטער לויפן?
קיין עצה זיך נישט צו קענען געבן,
און פון פלוצינדיקן פּחד, ראַפּטים איבערפאלענעם,
שטייען זיי אזוי מיט פארמאכטע אויגן, פארזשמורעטע.

## אן אייזעלע

ווי איבערגעניטשעוועטס אויף דער צווייטער זייט,
פונם אינטערשלאַק, פֿונם אויסגעקראַכענעם,
שטרעקן אויסגעדאַרטע באָרפֿיסע פיס ארויס,
און ס׳האָט צומאָל נישט מיט וואָס
די איינגעגעסענע פליגן פון זיך אַראָפּצויאָגן.

אַז מען זעט די געלאַמעוועטע אויגן־לעכער,
און דאָס אָנגעשטרענגט שטרעקן דעם ווירדיקן האלדז,
ווי אלע קנעפּ אין אים וואָלטן זיך אָפּגעריסן,
פארשטייט מען פארוואָס משיח האָט אויסדערוויילט,
דווקא אויף אים צו קומען געריטן.

## א מויל־אייזל

אַ גאנצן שבת־טאָג שטייט עס אויף לאָנקע,
און פינטלט מבושימדיק מיט די אויערן:
בין איך אַ פערד, צי בין איך אַן אייזל,
ברומטס ביי מיר אין בויך, צי ווער הינטער מיר?
עס קאָן מיט זיך אַליין קיין עצה נישט געבן.

זאָל עס זיך ווי אַ פערד פריידיק צעהירזשען,
צי ווי אַן אייזעלע טרויעריק צעוויערן?
עס ווייסט נישט וואָס עס זאָל מיט זיך טאָן!
און עס קאָן זיך קוים דערוואַרטן שוין,
אַז מען זאָל׳ס ווידער נעמען אין געשפּאַן.

## אויפן כביש

איז ער פון תימן, פון פינסטערן געטאָ געקומען,
אָדער פונם ווארשעווער ברענענדיקן, אויפגייענדיקן,
דעם דושנדיקן רויך נאָך אויפן פנים,
צי גאָר שוין אַ פארזענגטער פון דער זון,
שטיינער טראָגנדיק צום כביש און צום בנין?

איך האָב אים אין די לויטערע אויגן געקוקט,
און ווי אין די שטערן געלייענט אונזער גורל!
און אין האנט זיינער, אין מיינער האלטנדיק,
האָב איך דערפילט דעם עתיד אונזערן —
מיט פעסטע צוואַנגען פון פלאַמען געריסן — —



## א פאסטוך מיט ציג

אונטער זיין טונקל לענגלעך פנים דאָס ציגן בערדל,
איבער די אויערן דאָס קענזשערדיקע דריידל־געקרייזל,
און די ציג עפּעס אויך ווי אין קרועה בלואה בגדים,
מיט אויגן אזעלכע גרויסע, קלוג־מרה־שחורהיקע,
און מען ווייסט נישט ווער וועם ס׳ציטביים שטריק.

איז עס נישט דער שעיר־לעזאזל טאקע,
און דער „איש עיתי״ שלעפּט אים אין די בערג דאָ,
פון ערגעץ ווו אַ העכסטן אַראָפּצושליידערן,
ס׳זאָל קיין שרים ופליט פוןביידע נישט בלייבן,
ווייל ס׳שלעפּט דער שטריק מיט איינער צום צווייטן.

## חמי טבריה

זיך באָדנדיק אין אזא חמי טבריה־וואַנע,
האָט אַ הלל אַפילו געוויערן געוואָרן זיין ווערט,
און ווי ארכימעדעס זיין „איך האָב עס״,
אויסגערופן דעם: „אם אין אני לי מי לי״!
מיט אלע מיינע גלידער אצינד איך פיל עס.

מיט שטראַלן וואָס ברעכן זיך אין אַ וואַנע וואַסער,
האָט זיך מיט הללן געשפּילט זיין געדולד:
יאָ, כדי צו קענען ליב האָבן דעם חבר ווי זיך,
מוז מען דאָך קודם כל ליבן זיך אַליין — —
מיט אלע מיינע גלידער אצינד איך האָב עס.

## דגניה

אין אַן אַלט מעשהלע ווערט דערציילט,
אין אַ מדבר האָט אַ הייליקער געטרעטן,
זיינען בלומען געוואַקסן צו זיינע פיס,
פייגל חתונות האָבן געפלאַטערט איבער זיין קאָפּ,
און פיש האָבן זיך פארזאמלט מיט פארגלאָצטע אויגן.

איך האָב׳ס געזען לייבהאפטיק לעבעדיק,
דאָס וואונדער מעשהלע פאר מיינע אויגן,
זייט ס׳איז שטיינגעבליבן אזוי ביז היינטיקן טאָג,
און שטיין וועט עס אזוי אין דער אייביקייט,
זייט באַטראַכטן ס׳האָט דאָס שטיקל ערד א. ד. גאָרדאָן.

## קבוץ לוחמי הגעטא

ס׳האָט דער אש־שטויב פון ברענענדיקן געטאָ,
אין אַ ווירבלדיקן כאַמסין זיך פאַרוואַנדלט,
און מיט אייגענע לייבער ברענענדיקע אין זון
באשיצן זיי אצינד דאָ די ערד:
„ארץ אל תכסו את דמם — — ״

און לעשנדיקע שייטערס אינם ווינט,
שלאָגנדיק וואָרצלען אין זאמד,
זיינען זיי יענע צארטע מאנדל־צווייגעלעך
ווונדערלעך בליענדיק,
אין קדשי קדשים — — —

## הינער־שטייגן

נישט אַ האָן מיט פליגל־שטראלן צעפּאָכעטע,
אויף טרוים־שטאפל אויף העכסטן אויפגעפלאַטערט —
אַ געפּענטעטער געקריי פון גערגעלעך טויזנטער,
אַ ווייסע כפרה מיט רויטן קאַם געשוואָלענעם,
האָט זיך געדרייט אין מיין קאָפּ מיין צעמישטן:

אַז מענטש מיינט אַזויפיל און אַזויפיל וואָלט,
און אַן איי איז אַזויפיל קאַלאָריען,
וועט אויסבריען פון די ערד זיך אין דער זון,
אַ שלאנג אונז אלעמען צו פארשלינגען — — —
נישט שלאָף — אַ טרער כ׳האָב אויסגעווישט פון אויג.

## אויפן כנען

אַ כשוף עגול איז אַרום דער האָריזאָנט,
און אַ קייגן גייט די באשערטע מיט די זון,
אַן איבערגייענדיקע טראָגט זי זי אויפן קאָפּ,
און צוגעפאלן מיט די ליפּן, אויף די קני,
טרינק איך זי אויס ביזן לעצטן טראָפּ.

בין איך איינער פון די זין וואָס זוכט זיינע ברידער?
אָדער אַ בעדואין וואָס פאלט אויפן פנים פאר גאָט?
נאָר ראפטים דאָס כשוף־ראָד ווערט אויפגעריסן:
אַ כביש לויפט אָן, ווי אַ סיקנדיקע שלאנג,
אין איר ברומענדיקן איינגעוויד מיך איינצושלינגען.



## הר תבור

צום בעל, צו אשתורת און צום מולך,
די פרוכט פון מענטשן־לייבער מ׳זאָל מקריב זיין,
האָב איך פארשטאנען אים דערזעענדיק;
יעדע שרעק ענדיקט אין אים,
און יעדע לוסט הערט אין אים אויף.

ווי אַן אָטעמדיקער געץ געוואַלטיק!
לינקס און רעכטס קניען פאר אים די בערג,
און די טאָלן פאלן פאר זיינע פיס,
אויף זייערע פנימער ליגן זיי אויסגעצויגן;
איז וואָס שוין די געפאלענע פרוכט פון מענטשלעכן לייב?

## אויפן הר הכרמל

אָ, אַ גאנצע נאכט האָט דער כרמל זיך געריסן ביי די האָר,
ער וועט נאָך בלייבן אַ פליכעוואַטער ווי אלישע,
אויב בני־הנביאים וועלן נישט אויפשטיין ווידער,
אויפצוכאַפּן אליהוס קלייד, דאָס האָריקע — —
ווי עס האָט דאָס געוויינט אַ גאנצע נאכט פאר אונזער טיר.

אָבער צי קענען מיר דען צוריק לעבעדיק מאכן דאָס קינד?
ווי פויל מיר שטרעקן זיך דאָס אויף אונזער געלעגער!
און ליידיק וועט אויך בלייבן דער קרוג אין דער אלמנה׳ס הויז.
מיינע אויגן זשמורען זיך אזוי שטעכיק,
ווי שטאכלדראָט ארום „בית־עולים״ הינטערן כרמל בארג.

## אראפּ צום כנרת

זיבן מאָל, ווי אונטער אַ חופּה,
דרייט מען זיך ארום ארום כנרת,
דער חרמון טראָגט דעם קוילעטש אויפן קאָפּ,
אַ באשיטן מיט מאָנטשקע און מיט מאָן
און די כוואַליעס שפּילן דאָס אונטערפירעכץ.

אין זיבן שלייערס אַ געהילטע,
איינער ווונדערלעכער פונם אנדערן,
און ביי יעדן ארומגעגרינגל אירן,
שטייט אַן אַנדערע פארב איר אין פנים,
נאָר די זעלבע הענגענדיקע טרער אין אויג.

## ים כנרת

יענע פידל אַ צעשפּילטע אין מאָרגן ווינט,
פּעסט אונטערן קין האלט ער זי אצינד;
ביים סטראָיען אירע סטרונעס זיך איינהאָרכנדיק,
די ווייסע האָר פֿאַסמעס איבער די שלייפן,
איבערן שטערן זיינען זיי אים צוריקגעפאלן.

פון אירע שווערע חלומות אַ גאנצע נאכט,
די אויפגעריסענע זון, אָן אויפגערעגטע,
אלע אירע שפּיזן שוין אַריינגעשליידערט אין אים,
אָבער קיין איין פֿאַסמע גיט זיך קיין ריר נישט,
אזוי דבקותדיק פארטיפט גיסט זיך דער ניגון.

---

לעא קעניג

# א באזוך ביי משה׳ן

„די יידן גייען נאָך איצט אין מחנות יעדן שבת באזוכן די סטאטוע, וועלכע ווערט פון זיי באטראכט ווי אַ געטליכע, ניט מענטשליכע זאַך".

און דאָ אנומעלט, ווען איך בין געווען אין רוים האָב איך זיך ווידער דערמאָנט וואָס וואזארי דערציילט, און ס׳איז מיר איינגעפאלן אז ס׳וואָלט גוט געווען דורכצומאכן דעם מארשרוט, וואָס די יידן אין רוים האָבן מיט פיר הונדערט יאָר צוריק דורכגעמאכט. מען רעדט איצט ביי אונדז אַזוי פיל פון „המשך" — טאָ, פארוואָס ניט איבערלעבן, „דורכמאכן" אַ אינטערעסאנטן, הגם ניט טרויעריקן, מאָטיוו פון אונדזער פארגאנגנהייט? און פאר וואָס שטענדיק זוכן נאָר חורבן־מאָטיוון?

און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי איך טרעף זיך מיט אַ גרופּע פריינט און באקאנטע — אין אַ שבת אין דער געטאָ אין רוים און ווי מיר לאָזן זיך אַרויס צו מיקעל אנדזשעלאָס משה און פּרווון, לויט אונדזערע קענטנישן פון יענער עפּאָכע, איבערלעבן, וואָסאָ די רוימישע יידן האָבן אין יענער תקופה איבערגעלעבט, ווען זיי זיינען געגאנגען זען אָט דעם פסל פון משהן, וועלכער איז ביי אונדז אין די מאָדערנע צייטן אזוי פּאָפּולער געוואָרן?

אָבער מיר האָבן איבערגעלעבט און לעבן איבער איצט שווערע, גרויזאַמע צייטן און מיין „ראָמאנטישער קאפּריז" האָט זיך ניט איינגעגעבן: די פּאָר פריינט, וועמען איך האָב געמאכט דעם פאָרשלאג, האָבן אויף מיר אַ קוק געטון ווי אויף איינעם וואָס לעבט ערגעץ אין אַן אַן אנדער וועלט: פון וואזארין האָבן זיי קוים געהערט, און אוודאי ניט פון זיין אָנצוהערעניש וועגן די רוימישע יידן אין דער רענעסאנס תקופה... און אַ קוק טאָן אויפן אָריגינאל פון מיקעל אנדזשעלאָס משה איז, ווייזט אויס, אויך ניט געווען אויף זייער סדר היום.



ס׳זענען דאָ איצט אזוי פיל דרינגנדיקע, ברענענדיקע פּראָבלעמען און אויך פיל פּראַקטישערע ווי ספּעציעל גיין קוקן אויף קאלטן מארמאר אפילו ווען ס׳איז מיקעל אנדזשעלאָס משה, וועלכער איז שוין, אגב, אויך ניט „מאָדערן".

* * *

אָבער איך האָב זיך צופיל איינגעלעבט מיטן פּסוק פון וואזארין איך זאָל איינגאנצן אויפגעבן מיין פּלאַן...

איך האָב זיך געהאט אָפּגערעדט צו זיין ביי קארלא לעווי, דער מחבר פון דער שיינער נאָוועלע „קריסטוס איז געבליבן שטיין ביי עבאָלי". און דער צופאל האָט געוואָלט, דער איטאליעניש יידישער שרייבער (קארלא לעווי איז אויך אַ מאלער און אַ דאָקטאָר, אָבער מאלעריי פּראַקטיצירט ער) אז זיין אטעליע זאָל זיין ביים אַריינגאנג, צי אַרויסגאנג, פון דער אלטער געטאָ אין רוים. און ס׳איז אויך געווען אין אַ שבת. אזוי אז איך האָב באַשלאָסן פון אים צו גיין צו משהן. איך געדיינק ווי קארלא לעווי האָט זיך אַביסל געחדושט וואָס ער געדיינקט ניט די שטעלע אין וואזארי, אָבער ווי אַ איטאליענישער ייד וואָס קען גוט רוים האָט ער מיר אָנגעצייכנט די מאפּע ווי אזוי אמווינציקסטן צו בלאָנדזשן.

אָבער אליין אָן אַ מחנה יידן דורכמאכן „דעם וואזארי מארשרוט" האָט שוין קיין טעם און קיין ריח ניט געהאט (און דער גאנצער פּלאַן האָט מיר שוין אליין אויסגעזען טאקע אַ ביסל צו געקינצלט), אָבער גיין זען דעם אָריגינאל פון משה אין סן פּיעטרא, ווינקאלי, בין איך פונדעסטוועגן געגאנגען.

גרויסע פּאָפּולאריטעט און בארימטקייט זיינען אָפטמאָל אויך פּגימות: זיי פארשווערכן און פארביליקן אָפטמאָל אויך אמת גרויסע שאַפונגען און שאפער, גלייך ווי די מיליאָנען פארליבטע און באגייסטערטע אוינן וואָלטן עפּעס ווערטפולעס אינטימעס, ניט ווילנדיק, צוגענומען, אָפּגערויבט פון די באוואונדערטע מייסטער־ווערק; און די מיליאָנען וואָכנדיקע אויגן וואָלטן מיט אַ ביליקן, גרויען שטויב צוגעדעקט אויך די פארביקסטע און פיינסטע מענטשלעכע שאפונגען.

און ניט נאָר מענטשלעכע שאפונגען, נאָר אפילו רייכע לאנדשאפטן פארלירן עפּעס פון זייער שיינקייט ווען זיי ווערן צו פּאָפּולער ביי טוריסטן.

און דאָס האָט ניט צו טאָן מיט קלאס און קולטור סנאָביזם, גלויב איך: ס׳איז דאָ עפּעס אינטים־רעליגיעזעס אין אונדזער באוואונדערונג פון גרויסע שאַפונגען — מיר ווילן זיך מיט זיי מתיחד זיין. און ווען מיר הערן דאָס באַוואונדערן און שמוצערן פון די טויזנטער און טויזנטער פארערער, באַליידיקן זיי אונדז, מאכן אונדז באוווסט אויף די „שוואַכערע מעלות" פון דעם באַוואונדערטן ווערק.

אפשר דערפאר ערגערן אזוי די ביזנעס־פּלאקאטן וואָס מען מאכט פון בארימטע בילדער (צי ס׳איז באטיטשעליס „פּרילינג" צי וויסטלערס „מוטער"..): זיי באַליידיקן אונדז, און וואָס איז נאָך ערגער: זיי באַליידיקן די אָריגינאלן.

„לא תשא לשוא״.. עס קאָן קיין ספק ניט זיין אז די צו גרויסע פּאָפּולאַריטעט פון לעאָנאַרדאָס „מאָנאָ ליזא״ און דער פאַקט אז מען האָט ימים מליצות וועגן דעם בילד געשריבן איז געוואָרן אַ שטערונג פאַר אמתע קונסט ליבהאָבער.

ס׳איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגישער אמת ווען מען זאָגט אַז „מען קען הרג׳ענען מיט שבחים״. אפשר דערפאַר נויטיקן זיך אויך „אומשטערבלעכע״ פון צייט צו צייט אין אַ „תחית המתים״.

* * *

אויך מיקעל אנדזשעלאָס משה, קען מען זאָגן, איז פון די צו פּאָפּולער געוואָרענע מייסטער־ווערק. אַפילו ביי אונדז יידן, און אפשר: באַזונדער ביי אונדז יידן. אין אַ געוויסן זינען „לויפן מיר נאָך אלץ אלע שבת זען די גע־ניאלע סטאַטוע״ ווי די יידן פון דער רוימישער געטאָ אין וואַזאַריס און מיקעל אנדזשעלאָס צייטן. איך ווייס ניט צי וועלכע ס׳איז אנדער מייסטער ווערק — אַ רעמבראַנד צי אַפילו מיקעל אנדזשעלאָס „דוד״ וואָס געפינט זיך אין פלאָרענץ — איז אזוי פיל רעפּראָדוצירט געוואָרן אין יידישע אויסגאַבן אין אלע לענדער און שפּראַכן, אינם לעצטן יאָרהונדערט ווי מיקעל אנדזשעלאָס משה.

און איך האָב זיך דערפאַר געשראָקן ווען איך בין געגאַנגען זיך באַגעגענען מיטן אָריגינאַל פנים אל פנים: וועל איך זיין אנטוישט? וועל איך שטיין אַ אומעטיקער פאַר דעם אלטן גרויסן פריינד און שווייגן?

* * *

איך בין שטענדיק געווען פאַרליבט אין מיקעל אנדזשעלאָס „שקלאַפן״ — באַזונדער די ניט פאַרענדיקטע — אין וועלכע מען קען זען זיין אופן פון אַרבעטן: ווי ער, דער רוגזה׳דיקער ריז מיקעל אנדזשעלאָ, באַפרייט זיינע פיגורן, זיינע חזיונות פון זייער געפאַנגענשאַפט אין קאַלטן מאַרמאָר שטיין. זיינע „שקלאַפן״ דערמאָנען מיר שטענדיק אָן די מעשי בראשית. און אין איטאַליע האָב איך זיך ניט געקענט אָנזעטן מיט זיינע „שקלאַפן״. און אפילו אָט די חיבה יתירה מיינע פאַר זיינע שקלאַפן האָט ניט געמינערט מיין באַוווּנדערונג פאַר זיין משה, פאַר דעם אָריגינאַל פון זיין משה. איך האָב זיין משה אזוי גוט געקענט פון די הונדערטער רעפּראָדוקציעס, און דאָך ווי ערשט אויף אָן אמת דערקענט ווען איך בין געשטאַנען פאַרן אָריגינאַל אין דער קילער טונקלקייט, וו דער נביא און מעכטיקער פירער געפינט זיך איצט און וואַרט עד סוף כל הדורות.

ענדליך שטיי איך פאַר דעם „פאָטער פון די נביאים״, ווי דער טעמפּעראַמענטאַל נביאישער העלענער מיקעל אנדזשעלאָ האָט אים געזען, געשאַפן מיט די אייגענע הענט; דעם „פאָטער פון די נביאים״ וועלכער איז געוואָרן אויך „דער פאָטער פון אלע משהס״, וואָס די בילדהויז פון אלע פעלקער און לענדער האָבן נאָך מיקעל אנדזשעלאָן געשאַפן. ביז צו די מאָדערנע צייטן.



משה עובד

## די גייציקע וויעוויארקע

אָנפאַנג 1949, אין דעם זעלבן טאָג ווען איך האָב אויסגעקנעטן פון פלאַסטעלין „די גייציקע וויעוויאַרקע״ און געזען „כי טוב״ אז עס האָט מיר געלונגען אויסצודריקן וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך געקויפט אַ פונט ניס, מער ווי אַ האלב פונט אריינגעקנאַקט אין זיך און ס׳איבעריקע אַריינגעשאָטן אין דער שיסל און זיך געפרייט.

און אזוי ווי די פרייד האלט אין פליען העכער און העכער, רוקט זיך אוועק דער לייווענטער פאָרהאַנג פון מיין חלום־און־אַרבעטס שטיבל און ס׳באַווייזט זיך מיינס אַ פריינדין, נאָך פון פאַר דער צווייטער מלחמה. און אויסגעזען האָט זי ווי זי וואָלט געקומען צו פאָרן אויף די רעדער פון די מעשה מרכבה פון צער אזוי שוואַרץ זענען די ראַנדן פון אירע אויגן געווען.

פרעג איך זי: „מיט וואָס קען איך דיך באַדינען מייסטערהאַפּט?״ ענטפערט זי: איך וויל גאָר נישט און דאַרף גאָר נישט פון דיר, נאָר איין זאַך: קענסטו משה עובד מיר ערקלערן פאַרוואָס האָט גאָט געשאַפן אזעלכע שלעכטע מענטשן?״



די גייציקע וויעוויארקע משה עובד

זאָג איך״ ״אַמיינסטן מענטשן זענען דאָך גוטע!״ זאָגט זי: „אָבער נאָך וואָס האָט גאָט געשאַפן די שלעכטע?״

זאָג איך: ״ער איז דאָך נישט קיין מלאך אלע זאָלן אים האָבן געלונגען. ער איז דאָך נאָר אַ גאָט! אגב, וואָס ביסטו אזוי טרויעריק?״

ענטפערט זי: „איך וועל דיר זאָגן, געדענקסט דאָך איך האָב דיר דער־

ציילט מיט יאָרן צוריק אז איך האָב אַן אינטימען פריינד, אים האָב איך אַלעס אָנפאַרטרויט, אַלעס געגעבן, מיין הארץ, מיין נשמה, אַלעס. ער האָט געוואָלט איך זאָל אים באָרגן עטלעכע טויזנט פונט, האָב איך זיי אים געגעבן, און איצט האָט ער מיך פאַרלאָזט. נו, האָסטו שוין געהערט אַזאַ געמיינהייט? געוואַלד, ווי קען אַ מענטש אַזוי האַנדלען? אַזאַ פּאַדלאַץ!"

פאַרטיידיק איך דעם מיטגליד פון מענטשנוואַרג:

„איך מיין אַז דו באַשולדיקסט נישט ווייסנדיק אַלע דעטאַלן, אפשר ווען דו ווייסט אַלע פּרטים וואָלסטו אים נישט גערופן פּאַדליאַץ"...

ברעכט זי מיך אונטער קלאַפּנדיק זיך אין הארץ! „ניין! ער איז נישט קיין פּאַדליאַץ... איך בין עס! איך אַליין. פאַר וואָס גרים איך אַזוי איבערן געלט פאַרלוסט? איך בין דאָך אַ רייכע פרוי. אַ פרוי וואָס טויזנט פונט מער אָדער ווייניקער מאַכט ביי מיר נישט קיין גרויסן אונטערשיד. פאַר וואָס „וואַרי" איך זיך איבערן געלד? פאַר וואָס? קיין מאָל ניט צופרידן. אייביק נאָך! נאָך! נאָך!"

רוף איך זי צו צום טיש און ווייז איר „די גייציקע וויעווירקע" און זאָג: „זעסט עס וואַקסט אויף דער שיסל אַ גאַנצער ניסן בוים און די שיסל איז פול מיט ניס, מ'זעט אים קוים די נאָז אַרויס, צווישן די פיס באַהאַלט ער די גרעסטע ניס און זיינע אויגן — בליהענדע ניס. דאָך איז ער גאָרנישט צופרידן, ער רייסט די שיסל איין, ער וויל נאָך! נאָך! נאָך!

„אָט אַזוי איז דער מענטש".

דערנענטערט זיך מיין פריינדין צום טיש, באַטראַכט גוט די וויעווירקע אין אַלע דעטאַלן, ווי אַ קורצזיכטיקער זאַמלער באַטראַכט אַ יקר־המציאות און רופט אויס מיט דער גרעסטער ערנסטקייט: „יאָ אמת, אָבער ווי קענסטו פאַרגלייכן? די וויעווירקע איז דאָך נאָך אַזוי יונג, און איך בין דאָך שוין אַ מיטליעריקער פרוי און וואָלט געדאַרפט האָבן מער פאַרשטאַנד".

נאָך דעם ווי זי האָט אויסגעלאָדענט איר פאַרדרוס האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער, אַזש די ניס האָבן געציטערט זיי זאָלן נישט פּלאַצן, און בלייבן ליגן נאַקעט — אין אַ קאַלטער וועלט.

---

## קייטי בראון

# אייגענטלעך!...

פונקט ווי עס זענען פאַראַן טויזנטער ווערטער אין אַלע לשנות מיט וועלכע מען באַנוצט זיך טאָג טעגלעך, מחמת אויסצודריקן מיינונגען, געפילן און געדאַנקען, אַנדערע פון אַ קלענערער, אַנדערע פון אַ גרעסערער באַדייטונג, אַזוי האָבן מיר אויך, דעם זעלבן פאַל אין אונזער יידיש לשון.

אָבער קיין איין וואָרט, פון די אַלע טויזנטער, איז נישט אַזוי וויכטיק, און נוצלעך, ווי דאָס וואָרט „אייגענטלעך" און דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס באַטרעפנדע וואָרט טראָגט נישט קיין שום באַשטימטן כאַראַקטער, עס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אַנדער וואָרט, און איז דערפאַר נישט פאַראַנט־



וואָרטלעך פאַר דעם וואָס קומט נאָך...

עס איז, ווי מען זאָגט ביי אונדז יידן, נישט מילכיק און נישט פליישיק... און קען דערפאַר באַנוצט ווערן אין יעדן פאַל און ביי יעדן שמועס, איבערהויפּט, העלפט עס זייער פיל אַרויס, בשעת איר דאַרפט האַלטן אַ באַגריסונגס רעדע אָדער גאָר אַ פאָרטראַג...

עס טרעפט זיך אָפט, ביי פאַרשידענע רעדנער, אַז בשעת זיי שטייען אויף דער פּלאַטפאָרמע און רעדן, ווערן זיי נעבעך אַזוי צוטומלט, אַמאָל צוליב דעם גרויסן עולם, און אַמאָל צוליב דער ניט צוגעגרייטער לעקציע, אָבער רעדן, ביז זיי פאַרגעסן ווו זיי האַלטן... און דאָס ברענגט זיי אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, דאַן שפּילט דאָס וואָרט „אייגענטלעך" אַ גרויסע ראָלע, און קומט זייער גוט צונוץ. און אויב דער רעדנער האָט שכל, ראַטעוועט עס אים אַרויס פון אַ דורכפאַל... ווייל נאָך דעם וואָרט קען ער זיך דערלויבן אַ ווײַלע אָפּצושטעלן, זיך פאַרטראַכטן, און אַפילו דאָס אומגעדולדיקסטע פּובליקום וועט אויף אים קיין פאָריבל נישט האָבן... עס גיט אים אויך אַ מעגלעכקייט, זיך אָפּצורוען, אָפּציען דעם אָטעם, און זיך דערמאָנען דעם איבריקן טייל פון זיין רעדע...

אין פאַל איך קומט אויס אַמאָל צו דיסקוטירן מיט אייערן אַ פריינד, צי אַפילו מיט אַ שונא, און אויב די דיסקוסיע נעמט אָן אַ שטאַרקן כאַראַקטער פון אויסדרוק, און איר ווילט אויסמיידן אַ קאָנפליקט, איז אויך זייער פּראַקטיש און ווינטשנסווערט, זיך צו באַנוצן מיט דעם וויכטיקן וואָרט, אַזוי אַז ווען איר ווילט למשל זאָגן צו אייער אָפּאָנענט: ענטשולדיקט פריינד, איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט... אָבער גלאַט אַזוי, מאַכן די באַמערקונג, וועט עס קלינגען ווי אַן אַטאַקע, און עס קען זיך נאָך ענדיקן מיט אַ צוזאַמענשטויס. ווען איר וועט אָבער אָנפאַנגען אייער מיינונג מיט דעם וואָרט „אייגענטלעך" און דאָס אויסציען מיט אַ גמרא ניגון, וועט אייער ענטפער באַקומען אַן אַנדערע באַדייטונג, און ווען אייער דיסקוטאַנט זאָל אפילו זיין פון די גרעסטע היץ־קעפּ, זשוליקעס און נישט טאָלעראַנטע פּאַרטיי מענטשן, וועט ער אייך רעספּעקטירן אויפן בעסטן אופן...

אפילו דאַן, ווען מען קומט צו אייך מאָנען אַ חוב, און איר זייט נישט אין דער לאַגע אין דער היינטיקער שלעכטער צייט צו באַצאָלן, ווייל אַנשטאָט די צוואַנציק פונט אַ וואָך, וועלכע איר האָט ביז איצט פאַרדינט, פאַרדינט איר איצט נישט מער ווי טרויריקע אַכצען... פאַרשטייט זיך אַז דאָס מאַכט אַ גרויסן אונטערשיד. אייך איז ביטער אויפן האַרצן... מוזט איר אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק, און נישט אַ זאָג טאָן צו אים, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז איר האָט נישט קיין געלט, ווייל די קאָנסעקווענצן פון אַזאַ ענטפער, וועלן זיכער נישט זיין קיין גינסטיקע. אָבער, ווען איר וועט זיך אין דעם פאַל אויך באַנוצן מיט דעם וואָרט „אייגענטלעך" וועט עס אייך פיל אַרויסהעלפן. זאָגט אַזוי „אייגענטלעך, ליבער פריינד, האָב איך פאַר אייך קיין געלט נישט היינט".

דאַן וועט איר האָבן די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז ווי שלעכט יענער מענטש זאָל נישט זיין, און ווי ער זאָל קיין האַרץ נישט האָבן, וועט

אײער אײדעלער אויסדרוק אויף אים מאכן אַ גוטן אײנדרוק, און ער װעט אויף אײך נישט ברוגז װערן... אדרבה, ער װעט זיך מיט אײך פרײנדלעך געזעגענען, אײך צו װינטשן „אַ גוטן", — און גײן אַהײם.

דאכט זיך נישט מער, װי אײן אײנפאך װאָרט, אַ פשוט װאָרט, און דאָך האָט עס אזא גרויסע װירקונג אויף מענטשן, אין יעדן הינזיכט.

אויך אפילו דאַן, װען עס האנדלט זיך װעגן אַ שידוך, האָט עס אַ גרויסע באַדײטונג, אויב מען באנוצט זיך דערמיט אין צײט...

װען צום בײשפּיל אײער טאָכטער, גײט אויס מיט אַ באָי, און טראָץ דעם װאָס זי האָט קײן נדן נישט, געפעלט אײך נישט דער יונגערמאַן, זאָלט איר חלילה נישט אַ זאָג טאָן, אַזוי פּראָסט און ספּאָנטאַן: „טאָכטער, מיר געפעלט נישט דער בחור, איך װיל אים נישט!" — דאָס װעט דאָס מײדל שטארק פארדריסן, זי װעט האלטן פאר אַ חוצפה פון אײך, צו מישן זיך אין אירע אנגעלעגנהײטן, און זי װעט זיכער, אויף צו להכעיס, אװעק מיט אים צום רעגיסטראר און חתונה האָבן מיט איר באשערטן אָן אײער װיסן. דאָס װעט אײך און אײער פאמיליע פארשאפן הארץ װײטיק, אָבער עס װעט זײן פארפאלן.

איר קענט דאָס אָבער פארמײדן, װען איר װעט צו איר זאָגן אזוי: „טאָכטער מײנע, „אײגענטלעך" געפעלט מיר נישט דעם שידוך, און איך װיל נישט, אז דו זאָלסט אויסגײן מיט דעם בחור"...

אָט דאָס קען איך אײך פארזיכערן, װעט אויף איר מאכן דעם געװינטשטן אײנדרוק, עס װעט װירקן צום גוטן, און זי, אײער טאָכטערל, װעט אײנזען אז איר האָט רעכט, און װעט אײך זיכער פאָלגן...

נאָך אַ מעגלעכקײט האָב איך געהאט זיך צו איבערצײגן, װי װיכטיק דאָס װאָרט איז, און װיפיל נוצן עס ברענגט אויף אלע געביטן. אין דעם פאל האָט עס געשלאָסן שלום צװישן צװײ קריגערישע צדדים. עס זענען צו מיר אין הויז אַרײנגעקומען צװײ פון מײנע פרײנד, אַ מאן מיט אַ װײב, און זײ האָבן פארלאנגט איך זאָל זײ אויסהערן, און זאָגן װער פון זײ האָט רעכט, זי אָדער ער?

זײ האָבן זיך בײדע פאר מיר געעפנט די הערצער, און געבעטן איך זאָל זײ אָן עצה געבן...

דער מאן האָט געהאט אַ טענה צום װײב, הלמאי זי איז נישט קײן בעל הבית׳טע. װען ער קומט פון דער ארבעט, טרעפט ער זי נישט אין שטוב, די קינדער „פײטן זיך", די קאץ שפּאצירט אַרום אויפן טיש און לעקט אָפּ די טעלער, װעלכע שטײען נאָך פון מיטאָג נישט אָפּגעװאַשן. אין שטוב איז קאלט, ממש געפרוירן צו װערן, קײן נאכט עסן איז נישט צוגעגרײט, און זי איז נישטאָ אין שטוב...

זי, װידער, באַקלאָגט זיך, אז זי ארבעט שװער, טוט אלײן די גאנצע הויז אַרבעט, װערט פארשװארצט בײ אים, און אז עס װערט איר קאלאמוטנע אויפן הארצן, לאָזט זי אלעס איבער און כאפּט זיך אַרײן אין „סינעמא", אָדער צו דער נעקסט דאָריקער שכינה, װו עס קומען זיך צוזאמען נאָך עטלעכע פרויען און



זײ כאפּן אַ „גײם", סאָלאָ אָדער ברידזש. אָט דאָס זאָגט זי איז איר אײנציקער פארגעניגן, אָבער זי װעט עס נישט דערלאָזן, זאָגט זי, װען זי זאָל אַפילו װיסן אז זי מוז זיך גט׳ען מיט אים.

דער מאן האָט דאָס נישט געװאָלט לײדן, האָט ער איר געענטפערט אַ פּאָר הארבע װערטער. אַ װאָרט פאר אַ װאָרט, און עס איז שיער געקומען צו קלעפּ. דאָ האָב איך זיך שוין ארײנגעמישט, און גענומען דאָס װאָרט:

— הערט מיר אויס, מײנע פרײנד, — האָב איך געזאָגט, — פון אײערע װערטער פארשטײ איך אז איר האָט בײדע רעכט...

— אָבער, „אײגענטלעך" פּאסט נישט, פאר אזעלכע באשײדענע, אנשטענדיקע מענטשן, זיך ארום צו רײסן, און מאכן לײטישע געלעכטער. פאָלגט מיך און מאכט שלום. „אײגענטלעך" דארפט איר ארײנגײן אײנער אין צװײטנס פּאלאזשעניע. בײ מיר זײט איר בײדע גערעכט, אָבער איר דארפט זיך צוליב אזעלכע קלײניקײטן נישט ארומרײסן און צושטערן אײער פאמיליען לעבן.

זײ זענען בײדע גערירט געװאָרן ביז טרערן פון מײנע װערטער, איבערהויפּט נאָך װי אזוי איך האָב זײ באטאָנט, און זיך באנוצט מיט דעם פּראַקטישן װאָרט, װעלכעס צוטײלט אלע ארגומענטן, און דאָס האָט גראטעװעט די סיטואציע.

צום שלוס װיל איך אויך ראטן אונזערע יידישע אַקטיאָרן, אז װען זײ שטײען אויף דער בינע, אין אן ערנסטן מאָמענט און פארגעסן זײער פּראזא, איז אנשטאָט צו באנוצן זיך מיט אײגענע װערטער, װעלכע האָבן פילע מאָל קײן שײכות נישט צו דער האנדלונג, זאָלן זײ זיך גלײך באנוצן מיט דעם װאָרט „אײגענטלעך", נאָך דעם מאכן אַ פּויזע, און דאָס װעט זײ ארויסהעלפן, ביז זײ װעלן װידער דערהערן דעם „פּראָמפּטאָר" און זיך אַזוי ארום ארויסדרײען פון אַ פארלעגנהײט. אויב זײ װעלן דאָס טאָן, װעלן זײ מיר זיכער דאנקן פאר דער עצה...

יעדנפאלס, האָף איך „אײגענטלעך", אז מיר איז געלונגען, אין דעם ארטיקל, אײך צו איבערצײגן, װי נוצלעך און פּראקטיש דאָס װאָרט „אײגענטלעך" איז און װיפיל נוצן עס ברענגט אין יעדן פאל...

---

## הארי אריעל און פּיניע גאָלדשטײן

די צװײ לאָנדאָנער אקטיאָרן, דער טאלאנטירטער קינסטלער הארי אריעל און פײנער קאָמיקער פּיניע גאָלדשטײן, אויף זײער טורניע קײן זיד־אַפריקע — אַ הארציקן צאתכם לשלום! װען זײ װעלן נאָר אויסנעמען מיט זײער שפּילן בײם דאָרטיקן עולם, װי בײם לאָנדאָנער איז זײער דערפאָלג אַ געזײכערטער און אַ גרויסער. אין אַ „פאָרט געזונט!" אויסרוף איז אויך שוין דער באלדיקער באכם לשלום, אַז זײ זאָלן װאָס שנעלער אהײמקומען און װײטער אָנגײן מיט זײער שפּילן טעאטער פארן לאָנדאָנער פּובליקום.

---

## אליהו פּאַלושאַק

# אויך אַ מאַי־פֿייערונג...

(פֿעליעטאָן)

עס האָט זיך יעדער חודש זיין גורל, מזל און אָפּקלאַנג אין אונדזער לעבן, אָבער מאַי, דער חודש מאַי איז ווי אַ צאַרטער אײדעלער פּאַזשע מיט אַן אומשולדיק מיידעלשן פּנים, מיט שיין־פּאַרקעמטע אַראָפּהענגעדיקע לאָקן, אָנגעגורט אין אַ טוניקע פֿון ווייכן סאַמעט, גאַרנירט מיט זשאַבאָ און מאַנשעטן פֿון די פֿיינסטע בריסעלער שפּיצן, און פֿון דער טאַליע ביז איבער די שלאַנקע פֿיס ציט זיך דער פֿיין־מאַשיקער טריקאָ, וואָס באַצייכנט בולט די רעגלמעסיקייט פֿון יוגענטלעכע פֿיין־געבויטע גלידער. זיינע פֿיס זיינען באַקליידעט מיט עלעגאַנטע שיך, באַפּוצט מיט זיידענע ריפּסענע שלייפֿעלעך, אָבער די זוילן זיינען האַרט און דער גאַנג זיכער און שטאָלץ. עס איז דאָ דער מאַי —

„מיט זיין צויבער, מיט זיין מאַכט<br>
אַלע גראָזן, אַלע בלומען<br>
זיינען ווידער אויפֿגעוואַכט".

ווער עס איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער, באַזונדערס אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווייס וואָס דער ערשטער מאַי האָט פֿאַר אים באַדייט. עטלעכע באַזונדערע ערשטע מאַי־פֿייערונגען האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, און איך דערמאָן זיך אַ שטילע טיפּיש־באַלעבאַטישע (איך וואָלט עס ליבערשט אָנגערופֿן: „שפּיסבירגערלעכע") מאַסן־פֿייערונג אין די הערלעכע גרינע פּלאַנטאַזשן פֿון הערן־קרוג אין מאַגדעבורג אינם יאָר 1920 נאָך דעם באַוווסטן קאַפּ־פּוטש. עס איז געווען אַ טאָג פֿון רו און יום טוב, און אין די ערשטע מאָרגן שעה'ן איז זיך דער עולם, דייטשע אַרבעטס־מענער און פֿרויען, געזעסן אינם גאָלדענעם זונען־שיין אַרום טישלעך, ווו מען האָט געטרונקען ביר, קאַווע און לעמאָנאַדע, וואַסערדיק ביר, און זיך צוגעהערט צו די וואַסערדיקע רעדעס פֿון מיטלמעסיק־וואַסערדיקע פֿירערס.

יאָ, מיטלמעסיק זיינען געווען אָט די פֿירערס, און וואַסערדיק זיינען געווען זייערע רעדעס, ווארום וואָלט עס אַנדערש געווען, וואָלט דאָך נישט געקומען דערצו, אַז אַזאַ אוואַנטוריסט ווי היטלער זאָל ווערן מייסטער און זיגער איבער דעם דייטשן פֿאָלק, מייסטער און זיגער איבער דעם דייטשן אַרבעטסמענטש, זיינע אינסטיטוציעס און מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אַפֿילו האַר און מייסטער איבער דעם ערשטן מאַי.

און אין מיין זכרון וואַכט אויף אָט די שענדונג פֿונם אַמאָליקן הערלעכן סאָציאַליסטישן ערשטן מאַי מיט זיינע קאַמף־לאָזונגען און פֿאַראַלען, מיט זיין באַטאָנונג פֿון שלום און פֿרייהייט, קאַמף פֿאַר אַכט־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג און סאָציאַליזם, אָנזאָג פֿון אַ ליכטיקן מאָרגן.

אין יאָר 1933 איז אין נאַצי־דייטשלאַנד דער ערשטער מאַי געוואָרן פּראָקלאַמירט אַלס אַ נאַציאָנאַלער יום טוב. פֿאַבריקן, ביוראָס, געוועלבער, קויפֿהייזער און סקלאַדן — אַלעס האָט גערוט. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די



באַנאָגעלטע שטיוול פֿון היטלערס שטורעם־אָפּטיילונגען און „אַרבעטס־פֿראָנט" זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויפֿמאַרשירונגען, מיליטעריש־דיסציפּלינירטע מאַי־פֿייערונגען מיט קלאָפּערגעצייג, פּויקן און טרומייטן, מיט האַקנקרייץ און קינזשאַלן. ס'איז געווען די צוגרייטונג צו דער „נאַכט פֿון די לאַנגע מעסערס", דער דיקטאַטור פֿון אומזין און משוגעת, צוגרייטונג פֿון געוואַלט, טעראָר און צעשטערונג, קרעמאַטאָריומס און גאַז־אויוועגס. עס איז געווען די שענדונג פֿונם ערשטן מאַי.

איך דערמאָן זיך מיין לעצטן אָפֿענעם שמועס מיט אַזאַ פֿיינעם אַרבעטער־טיפּ פֿונם רוהר־געביט פֿון אַמאָל, דעם בערגאַרבעטער גוסטאַוו סיסקאַ, ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג, וואָס היטלער האָט דעם ערשטן מאַי פּראָקלאַמירט אַלס נאַציאָנאַלן דייטשן אַרבעטס־ יום טוב פֿאַר שטאָט און דאָרף, פֿאַר רייך און אָרים, פֿאַר גרויס און קליין, פֿאַר „אַלע"... עס זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער דאָזיקער באַגייסטערונג אויך אַ סך עלטערע פֿון מיינע אַמאָליקע פּאַרטיי־חברים, שטאַנדהאַפֿטע אין לעבן און קאַמף אויסגעפּרוווטע סאָציאַליסטן, מענטשן מיט (אַמאָל) אַ ווייך און גוט האַרץ און האַרטע פּנימער, ווי אויסגעהאַקט און אויסגעמייסעלט פֿון גראַניט. עס איז געווען דער איבערלויף און די רעזיגנאַציע פֿון אַזויפֿיל געוועזענע גוטע מענטשן. מענטשן האָבן זיך אַליין געשענדעט און מיטגעשענדעט האָבן זיי זייערע אידייען פֿון אַממאָל, זייער גלייבן אין אַלעם, וואָס איז אַמאָל געווען דער זין פֿון די גרויסע מאַי־פֿייערונגען, פּראָקלאַמירט אַלס אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב אויף דעם סאָציאַליסטישן וועלט־קאָנגרעס אינם יאָר 1889.

— — — — — — — — — — —

ווען איך בין דאָ אַהערגעקומען קורץ פֿאַר דער מלחמה, האָט עס מיר גענומען אַ היפּש ביסל צייט ביז איך האָב מיך אָנגעהויבן צו באַזינען, אַז נאָך איז די גאַנצע וועלט נישט אַריינגעפֿאַלן אין אַ שגעון, און עס וועלן זיך נאָך געפֿינען פֿעלקער, לענדער, רעגירונגען און יחידים, וואָס וועלן זיך אָקעגנשטעלן דעם גרויסן רשעות, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט גאַנץ אייראָפּע. עס איז נישט געווען קיין צייט פֿון ערשטע־מאַי־פֿייערונגען. די אַרבעטער פֿון שטאָט און דאָרף, אין די קוילן־און מינעראַל־גרובן, אין די גיסערייען און מאַשינען־פֿאַבריקן האָבן געמוזט שמידן די כלי זיין פֿון ווידערשטאַנד קעגן אַ שטאַרקן שונא, דעם שענדער פֿון מענטשלעכן מין און אַמאָל־הייליקע גרויסע אידייען.

נאָך דער מלחמה האָב איך אויך דאָ נישט אָנטייל־גענומען אין קיין גרויסע ערשטע מאַי־פֿייערונגען, אָבער איך האָב עס אייביק באַטראַכט פֿאַר אַ פּריווילעגיע און נחת רוח צו פֿאַרברענגען דעם ערשטן מאַי מיט חברים און פֿריינט פֿון אַלע שאַטירונגען אינעם היגן אַרבעטער־רינג. די טישן זענען געווען פֿיין־געדעקט, בלומען האָבן צוגעגעבן אַ דעקאָראַטיוון כאַראַקטער, מען האָט גערעדט, „געספּיטשט", געזונגען, רעציטירט און געלאַכט, זיך דערמאָנט אין דעם גרויסן חורבן פֿון אונדזער פֿאָלק אין אייראָפּע, פֿון זיינע צעשטערטע

ישובים און אויסגעדריקט די האָפנונג, אז ליכטיק וועט זיין די וועלט פון מאָרגען.

און וואָס ווייניקער פאַרטיי־כאַראַקטער עס האָט געטראָגן אזא מין פייערונג, וואָס מער האָט זיך אויסגעדריקט די ריינקייט פונם ערשטן מאי אלס אַ יום טוב פון ארבעט פאר אלע מענטשן, פאר אלע פעלקער, פאר אלע שאַפענדיקע פון דער גאנצער וועלט.

ווען איך בין היי־יאָר מאָנטאָג דעם ערשטן מאי אָנגעסאפעט און אין אַ יום טוב׳דיקער שטימונג אַרויפגעקומען אינם ארבעטער־רינג האָב איך אָנגעטראָפן גרופקעלעך פון צוויי, דריי און פיר מענטשן, זיצנדיק, שטייענדיק, לויפנדיק, ווארטנדיק. בחינום האָב איך אין די חדרים אויף דעם ערשטן שטאָק געזוכט די אזוי געווינטע ווייס־געדעקטע טישן מיט בלומען־וואַזן. און אפשר האָב איך אַ טעות? איך בין ארויפגעגאנגען צו די העכערע עטאזשן. ניין, אויך אויבן איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. דער ביבליאָטעק־צימער איז פארשלאָסן, און אין די אנדערע חדרים איז אלץ פארדרייט און צעשטעלט, פוסט און ליידיק. נישטאָ קיין סימן פון ערשטן מאי...

מען ברויכט נישט קיין קאָמענטאַר, אָבער ווען מען וויל, קען מען געפינען אן אויסרייד. איך ברויך נישט קיין אויסרייד. פאקטן רעדן מער, ווי טויזנטער ווערטער. אין מיין צעמישטקייט האָב איך מיך צוגעזעצט צו צוויי וועטעראנען פונם ארבעטער־רינג. זיי האָבן געפרווט אויסצוטייטשן, דערקלערן און אנטשולדיקן. „שולדיק", האָט איינער געזאָגט, „זיינען די נייע מאכטהאָבער אינם ארבעטער־רינג". הינטער מיר איז געשטאנען אן אלטער יידישער ארבעטער מיט צוויי פרויען, פארשטומט און אנטוישט. „אָט דאָס איז לאָנדאָן", האָט ער געזאָגט. געמיינט האָט ער: „אָט דאָס איז דאָס נעבעכדיקע איבערבלייבעכץ פונם אַמאָליקן יידיש־סאָציאַליסטישן לאָנדאָן". אָבער עס איז נישט מיין לאָנדאָן! איך בין אַ צוגעקומענער און האָב די גאנצע יאָרן געהאלטן אָפן מיינע אויגן און אויערן. אז מען זייט נישט אין פרילינג, שניידט מען נישט אין הארבסט. איר האָט, חברים, אפשר אויפגעבויט געביידעס און קאָמעניצעס, אָבער איר האָט פארגעסן אַריינצובלאָזן אין די דאָזיקע קאמעניצעס אַ פיצעלע פונם יידישן רוח הקודש אָדער פון דעם אוניווערסאלן נישט ענגפארטייאישן יידיש־סאָציאַליסטישן רוח הקודש, וואָס האָט אַזוי גרויס געמאכט ד׳ יידישע ארבעטער־באוועגונג אין אונדזערע יונגע יאָרן, און איז מיט אַ קורצער צייט ערשט צעשטערט געוואָרן פון אונדזער שונא.

איינער פון די וועטעראנען האָט זיך מיר אָנגעשלאָסן. ער איז רעזיגנירט מיטגעגאנגען אין מיין וווינונג. אַזוי ווי ער איז אַ ליבהאָבער פון אלטע שריפטן, דרוק־טיפן און קופער־פלאַטן, האָב איך אים אַריינגעפירט אין מיין פראָנט־חדר, ווו איך האָב אויפגעשלאָגן דאָס זעלטענע בוך פון קארל פאולמאַן „געשיכטע דער שריפט". מיר האָבן אַדורכגעבלעטערט אלטע אָפדרוקן און קאָפּיעס פון קופער־פלאַטן פון אלע מינים שריפטן פון אנטיקע און היינטיקע פעלקער און לענדער: הירּאָגליפן פון מצרים און קלין־שריפטן פון מעסאָפּאָ־



טאמיע און דעם אלטן מעקסיקאָ ביז מיר זיינען צוגעקומען צו די אינטערעסאנטע טיפּן־דרוקן פון די סלאַווישע שפראכן. ווען מיר האָבן צוריקגעבלעטערט האָבן מיר געפונען אַ שיינעם אָפדרוק אין רשי־שריפט אין אלטן יידישדייטשן דיאַלעקט, אַ תפילה, און לייענענדיק זי, איז מיר איינגעפאלן, אַז אפשר האָב איך געזינדיקט מיט אַ האלבער שעה צוריק, אין מחשבות געזינדיקט, ווייל איך האָב מיך געלאָזט מיטרייסן מיט דעם רעזיגנאציע און יאוש־געפיל פון די אלטע וועטעראנען דאָרט צווישן די צומישטע גרופּעס פון צוויי, דריי און פיר מענטשן האָב איך געטראכט: „וימת — געשטאָרבן, פלשתים — באַגראָבן"... דאָ אין מיין שטוב, אין קעגנווארט פון מיין צופעליקן גאסט, האָט זיך צום ווייפילטן מאָל אנטפלעקט פאר מיר אַ וווּנדערשיינער אָפדרוק אין העברייאיש פון מיטלאלטער אין דייטשלאנד. דער אָפדרוק הייבט זיך אָן מיט אָן איינגעקלאמערטן „בראשית" (נאָכפאָלגנדיק די ווייטערדיקע זאצן: ברא אלקים את השמים ואת הארץ און אזוי ווייטער) און לאָזט זיך אויס מיט אַ גרויסן קינסטלעריש־פארפּוצטן אָפענעם „בראשית" אויף דער גאנצער שורה.

אָ, ניין! עס איז נאָך גאָרנישט פארלוירן! עס איז נישט: וימת — געשטאָרבן, פלשתים — באַגראָבן. עס הייבט זיך אָן מיט „בראשית" און עס לאָזט זיך אויס מיט „בראשית"...

לאָנדאָן, מאי 1950.

## אפרים טויבענהויז (חיפה)

## מיט דוד פינסקי אויפן הר הכרמל

מיין באגעגעניש מיט דוד פינסקין איז געווען אויף אַ געוויינלעכן אופן. ווען דער דיכטער פון אויסלאנד האָט באזוכט חיפה, זענען מיר אוועק צו אים אויף אַ באזוך.

איך האָב מיט נייגיר זיך צוגעהערט צום שמועס, וואָס ס׳איז אוועק צווישן דעם יידישן דיכטער מיט דוד פינסקי׳ן. ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן שרייבער און דיכטער. פינסקי, קענטיק, באַנעמט די ליטעראטור מיט הארץ און ער איז צוגעשמידט צו די שרייבער, וואָס טרייבן הארציקע ליטעראַטור.

דוד פינסקי איז איינער פון די ערליכסטע האָראָפּאַשניקעס אין דער יידישער ליטעראטור און שרייבנדיק גייט ער אַ גאַלאָפּ איבער אַ גאנצער תקופה פון אינטערעסאנטע פערזענלעכקייטן. אז מ׳הערט אים ריידן זעט מען גלייך, אז פאר דיר זיצט אַ לעבעדיקער סימבאָל פון געראנגל, ווייזיע און גלויבן, אַ קוואַליקער לאגל פון שטראליקן אומעט פון טרעריקע פרייד. ער איז ביים היינטיקן טאָג, כמעט דער איינציקער שמידער פון אונדזער גאָלדענער קייט, וואָס באגלייט די יידישע ליטעראַטור אין איר גאנצער קינסטלערישער המשך־דיקייט, פון פרץ׳ס „יום־טוב בלעטלעך", די פרילינג־תקופה פון יידישן רענעסאנס, ביז די העכסטע שטאפלען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

## וואַרשע, ניו־יאָרק און חיפה

דער נאָמען פּינסקי האָט באַשיינט די יידישע ליטעראַטור זינט 1894, ווען ער האָט געדרוקט זיין ערשטן דעביוט אין ספּעקטאָר׳ס „הויז פריינד״. אין זיינע גאַסן־בילדער „קליינינקייטן״ אין פּרץ׳ס „יידישער ביבליאָטעק״ האָבן זיך געלאָזן הערן נייע דרייסטע טענער. דער נאָמען דוד פּינסקי ווערט גיך אַ שם־דבר ביי יעדן יידישן לעזער.

היינטצייטיקע דורות פליען ווי ווינטן. געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ווערן שנעל פאַרטראָגן. סיטואַציעס פון נעכטן קריגן אַן אויסזען ווי ווייטע געשיכטע. און ספּעציעל איז דאָס מיט אונדזער יידישן לעבן, און נאָך מער מיט יידישע קולטור־באַוועגונגען.

ביים היינטיקן טאָג איז שוין משיח׳יזם אריין אין אונדזער ליטעראַטור. פּינסקי, — דער מחבר פון צענדליקער דראַמעס, אַ סך פון זיי זייער באַרימט, ווי „יענקל דער שמיד״, „פאַמיליע צבי״ א.א. — איז אָבער געווען דער ערש־טער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַריינגעבראַכט משיח־זוכענישן. זיין „שטומער־משיח״ איז אַ טיף מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. אַזוי ווי זיינע שפּעטערע היסטאָריש־ראָמאַנטישע דערציילונגען, ווי „די נסיונות פון ר׳ עקיבא״, „ברוריה״, די פרוי פון ר׳ מאיר, זענען הערליכע טיפּן, געשילדערט פון זיין מייסטער־פּען.

## א פרץ געשטאלט אין ישראל

דוד פּינסקי איז אַ פּרץ־געשטאַלט אין ישראל. ער טראָגט דאָ דעם פאָן פון יידיש און איז אויך דער אַפּאָסטאָל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

בעת זיין אָנקומען קיין ישראל האָט אים התלהבות׳דיק מקבל־פּנים גע־ווען דר. א. לעווינסאָן, רעדאַקטאָר פון „גאָלדענער קייט״ אין תל אביב. ער האָט באַטאָנט, אַז פּינסקי איז דער שרייבער, וואָס האָט נישט בלויז געמאָלן יידישע צרות, געשילדערט דעם יידישן גורל און געוועקט צו אים רחמנות. ער האָט מיט זיין פּען און וואָרט זיך געראַנגלט מיטן גורל, מיטן טראַגישן גורל פון נאַציאָנאַלער אָן־היימיקייט און אָן־באַדן׳קייט. ער האָט מיט אונדז פאָראויסגעזען די וויזיע פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבייטערשאַפט, עקשנות־דיק מיטגעהאָלפן צו בויען אונדזער ניי לעבן און געקעמפט קעגן דער גוי׳אי־שער און יידישער שנאת־ציון.

פּינסקי דער דערציילער, דראַמאַטורג און פּובליציסט, דער פאָרזיצער פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבייטער־פאַרבאַנד — האָט באַפרוכפּערט גרויסע שטחים פון אַמעריקאַנער יידנטום מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט צו ארץ ישראל.

איצט, נאָך 60 יאָר פון גרויסער שאַפונג און נאַציאָנאַלן קאַמף, האָט ער זוכה געווען צו קומען אין אַ פרייע, דעמאָקראַטישע יידישע מדינה, אויפגע־ריכט און געבויט פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבייטערשאַפט.

במשך, העכער אַ דור, איז די גאַנצע עליה און אַלע אירע אינטעלעקטועלע כוחות געקומען אַהער, מיטן אויסנאַם פון יחידים — פון אייראָפּע. די קולטור־



כוחות פון ביידע אַמעריקע׳ס זענען כמעט נישט פאַרטראָטן אין גייסטיקן אויפבוי ווערק פון ישראל.

אין פּינסקי׳ס קומען צו אונדז ווילט זיך זען אַן אָנזאָג פון אַ צושטראָם פון נייע גייסטיקע כוחות, וואָס וועלן מיטבויען און מיטשאַפן אונדזער באַנייט קולטור־ווערק.

---

## דר. א. שראגענהיים

## אברהם ברוידעס — ארבייטער דיכטער פון ישראל

צו דער דערשיינונג פון זיין לידער בוך „פון מענש צו מענש״, „מאדם לאדם״

אברהם ברוידעס פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער נייער העברע־אישער ליטעראַטור אין ישראל. זיינע לידער זיינען אַ מין לירישער אויפברויז, מיט שטימונגען וועגן נייעם יידישן אויפבוי. אַרבעטנדיק אַליין אין די קבוצות און ביי די געביידעס איז ער געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן פּיאָנערן גייסט. דעריבער אָטעמט זיין דיכטונג מיט מאַזאַלער אַרבעט און האַמער־קלאַפּעריי.

געקומען אַלס יונגער יינגל פון ווילנע אין יאָר 1923 איז ער איינער פון די גרינדער פון „הסתדרות הנוער העובד״, די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבע־טער יוגנט אין ישראל.

ער איז דער זינגער פון אַ נייעם זשאַנער, וואָס אַנטדעקט פאַרן לעזער אינטימע סודות פון חיי נשמה. אַ באַזונדער חן איז אויסגעגאָסן אויף דער סעריע פון זיינע פאַמיליען לידער, וואָס זענען אייגנאַרטיק אין דער העברע־אישער ליטעראַטור. אינטימקייט און פאָלקסטימלעכקייט זענען די אייגנשאַפטן פון זיינע פּערזן, וואָס אַ טייל פון זיי ווערן ביז היינט געזונגען.

ער האָט אַן אויג פאַר פאַרוואָרפענע ווינקלאַך פון „פאַרלאָזענע קינדער, אָן טאַטע מאַמע, אויף וועלכער דער הימל איז פאַרשוואַרצט״, אָדער בעת ער באַזינגט דעם שיך־פּוצער, די וועשערין, דעם שוסטער געזעל, די קעכין א.וו. אין זיך צוקוקנדיק צום קליינעם מאַן מיט זיין לייד און פּיין, וואָס קיינער באַמערקט נישט: „אַ מענטש צו אַ מענטש איז טויב און בלינד ווי אַ שטיין צו אַ שטיין אויף אַ וויסטן באַרג״.

ברוידעס׳ לידער האָבן נישט קיין תהום׳דיקע טיפענייש, דערפאַר אָבער איז ער דער פּאָפּולערסטער דיכטער וואָס זינגט וועגן די ליידן און אָרימקייט פונם אַרבעטער מענטש און זיינע שווערע קאַמפן פאַרן עקזיסטענץ. ער האָט נישט קיין גלייכן מיט זיין אויפריכטיקייט און זיין פּשטות.

בעת ער האָט באַקומען דעם פּרייז פאַר שיינער ליטעראַטור פון עיריית תל אביב האָבן די ריכטער, די שרייבער י. בורלא, אשר באַראַש, נתן גרינ־בלאַט און ב. קרופּניק באַטאָנט אין זייערע מאָטיוון:

„ברוידעס׳ דיכטונג איז שטענדיק געשטעמפּלט מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן. אינם כאָר פון אונדזערע דיכטער האָט זיך אויסגעטיילט זיין שטים, ס׳איז די שטים, וואָס קומט פון די טיפענישן פון אַ מענטשנס הארץ. דער פּיין פונם מענטשן, זיין איינזאַמקייט, זיין טרויער, די מאַכטלאָזיקייט פון די געקריוודעטע און בארויבטע און זייער פאַרפּלאָנטעטער גורל — אַלץ האָט אַן אָפּקלאַנג אין זיין ליד.

וועגן ברוידעס האָט מען ביי אונדז אין ישראל שוין אַ סך געשריבן. דער דיכטער צבי קראל האָט אין זיין אַרטיקל „שירת הנגלה“ אָנגעוויזן אַז ברוידעס האָט שטענדיק געגעבן אין זיין ליד לירישע פּאָעזיע און אַ חוץ זיין באַזינגען די נויט פון אַרבעטער האָט ער אַ סך ציטער־טענער פון קאָסמאָס ניגון און אַ חוץ קומער און באַליידיגונג האָט ער אויך אַן אויג פאַר די הערלעכקייטן פון דער ארץ ישראל׳דיקער ליטעראַטור און באַזינגט אירע לאַנדשאַפטן, חיות און בלומען.

דר. צבי רודי זוכט אַ פּאַראַלעל צווישן דעם יונגען העברעאישן דיכטער פון ישראל מיט די נייע דיכטער פון דער וועלט פּאָעזיע. זיין געבונדנקייט צום פאַמיליען־לעבן מיט זיין פרייד און לייד דערמאָנט אָן אַ נייע שטרעמונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „אינטימיזם“. ווי עס דריקט זיך אויס אין די ווערק פון דעם דיכטער רענע סעביל. פון דער אַנדער זייט איז די צוגעבונדנקייט זיינע צום דאָרף און צום אידילישן לעבן זייער נאָענט צום רוסישן פאָלקס־דיכטער קאָלצאָוו, ווי אויך צו שטענצל׳ס עפּיק אין „פישער דאָרף“.

ברוידעס האָט זיין אייגענעם ניגון און זיין אייגענעם סטיל. זיין אייגנאַרטיקייט איז אין זיין פּשטות.

די קאָמפּליצירטקייט פון חלוץ און זיין נשמה לעבן ווערט ביי אים געשילדערט מיט אַ פּשוט׳ן לשון אָן שום „ליטעראַרישקייט“. דאָ איז ברוידעס דער מייסטער פון העברעאיש. זיין לידער פאָרם איז פריי און לייכט, ריטמיש, ספּאָנטאַן, ווי דער אָטעם ביים ריידן:

„דער פערז פון מיין ליד געוועבט מיט פּערל פון טרער,
שרייט צו מיר פאָטער פון אַלעם:
ווו אַ באַהעלטעניש פון וועלט־עלנט?

שפּרייט אויס דער צער זיין פליגל
ווי אַ טרויער־טרעפּ.
ווי אַ שטערן, וואָס באַלייכט דעם גאַנג?

דו הערסט ביי אים דעם אויפבּרויז פון דער נשמה און איר וויי. לירישע, טיף־דורכגעלעבטע שורות זיינען ביי אים די איבערלעבענישן פון אַרבעטער אין אַ חאַמסין טאָג אונטער דער ברענענדער זון:



„נישט אומזיסט, מיינע ברידער, טריפט אונזער שוויס,
פליסט אונזער בלוט
אין די דאַרשטיקע זאַמדען
און ס׳פלאַקערן קערפּערס אין חאַמסין־טעג.
מיר זיינען פאַרברענטע עקשנים פון דורות
שלעפּן אַ יאָך מיט פאַרביסענע ליפּן
און טאַנצן אַ הורא פאַרמאַטערטעהייט.

מיר ווייסן:
ס׳וועט נאָך דאָ שמעקן זאַפטיקע תבואה
פון פאַרשאָלטענע בלאָטעס
און שפּראָצן אַ דופּטיקער פרילינג
מיט הילכיקע־פרייערשע לידער
אויף אייגענער יידישער ערד.

אַבֿרהם ברוידעס איז דער הערפאַשניק אין אונדזער נייער ליטעראַטור. ער האָט געגעבן אַ בוך לידער וואָס שאַפט אָפּ דעם פאָראורטייל אַז די העברעאישע דיכטונג איז נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבן. זיינע אַלע לידער זיינען אַ באַגאַזש פון לעבן און לייד, און דערמיט איז ער אַ יחיד במינו אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.

## עטלעכע ווערטער וועגן עטא טאַפּעל און מאַרק מאַרקאָוו

ווי ס׳איז שוין דעם יידישן טעאַטער־עולם באַקאַנט, האָבן די לאָנדאָנער באַוווסטע שוישפּילער, עטא טאַפּעל און מאַרק מאַרקאָוו, געשפּילט מיט דערפאָלג אַ לענגערן סעזאָן אין פּאַריז און איצט אויך מיט דעם גרעסטן ביפאַל אין בעלגיע, וועלכעס אַליין באַווייזט, אַז יידיש טעאַטער ווי מיר קענען עס, איז נאָך ווייט פון זיין געשטאָרבן, מען דאַרף נאָר קאָנען זיין גענוג גרויס און קינסטלעריש דערוואַקסן צו קענען אַפילו אין דער מעלאָדראַמע אַריינגעבן דאָס זויבערע און ווערזנטלעכע און ס׳הערט אויף צו זיין שונד ערשטע גראַד.

בקרוב פאָרן אָפּ די צוויי דערמאָנטע שוישפּילער מאַרק מאַרקאָוו און עטא טאַפּעל נאָך יאָהאַנעסבערג, זיד אַפריקע, מיט אַ קינסטלער־טרופּע אַנגאַזשירט פון דער באַוווסטער מאַדאַם סילוויא, וועלכע האָט אין מאָריס מאַסקאָוויטש׳עס צייטן, געשפּילט גאָר געהויבענע ראָלע אין דעם דעמאָלטדיקן יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן.

עס איז אפשר איבעריק צו באַמערקן די קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן וועלכע מאַרקאָוו און טאָפּל האָבן פאַר דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, ווינטש איך זיי טאָקע גרויס דערפאָלג צוזאַמען מיט זייער קינסטלער־טרופּע אין וועלכע ס׳גייען אַריין לאָנדאָנער ווי אויך פּאַריזער שוישפּילער, און לאָמיר האָפן אַז מיט זייער צוריק קומען קיין ענגלאַנד, וועלן זיי אויך מיטברענגען אַ נייעם גייסט פאַר אַ נייעם און בעסערן טעאַטער אין לאָנדאָן.

ס. פּאַלמע.

## גּעסט פון ישראל

### אברהם סוצקעווער

פאַרגאַנגענעם חודש האָבן מיר דאָ אין לאָנדאָן געהאַט דעם באַרימטן פּאַרטיזאַן־פּאָעט, דעם רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענער קייט”, אברהם סוצקעווער און אין אונזער מאָנאָטאָנעם וועלטל איז אַריינגעקומען אַ ביסל לעבן. דער קבלת־פּנים לכבוד אברהם סוצקעווער׳ן ביי די „פריינט פוז יידיש לשון”, ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, איז געווען דער



פרענקל, עובד, סוצקעווער, קייזער, דר. מייטליס

אויפטאַקט צו די נאָכפאָלגנדיקע באַנקעטן און אָוונטן ביים ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, ביים אַרבעטער רינג און ביי די פּועלי ציון גרופּעס. אויך האָבן זיך אַ גרופּע פריינט געטראָפן ביי פּאַדראָזשניק׳ן אין הויז ביי אַן אינטים גלעזל משקה. דעם צאתכם לשלום האָבן מיר געפייערט ביי אַ גרויסן באַנקעט וואָס משה עובד האָט געגעבן פאַרן פּאָעט אין פּאָלמאַנס רעסטאָראַנט, אַ טאָג פאַר זיין אָפּפאָרן.

#### פּאַפּיערניקאָוו און מאַסטבוים

לויט ווי עס איז מיטגעטיילט געוואָרן גרייט זיך די טעג צו קומען קיין לאָנדאָן דער גוט באַקאַנטער פּאָעט יוסף פּאַפּיערניקאָוו. די קולטור געזעלשאַפטן און פאַראיינען גרייטן זיך דעם חשובן גאַסט מקבל פּנים צו זיין. אויך טיילט אונז דער שרייבער בן־א. סאָכאַטשעווסקי מיט, אַז אין די נאָענטסטע וואָכן קומט דער באַוווּסט שרייבער יואל מאַסטבוים קיין לאָנדאָן. „פריינט פון יידיש לשון” פרייען זיך צו האָבן די געסט דאָ אין לאָנדאָן און זיי אויפצונעמען און חבריש צו באַגריסן.





היינטיקן חודש וועט דאָס „אוהל”־טעאַטער אויפטרעטן אין לאָנדאָן אונטער די אָנפירונג פונם באַקאַנטן רעזשיסאָר משה הלוי. זיי וועלן שפּילן אין סקאַלאַ־טעאַטער. עס איז אַ יום טוב פאַרן בעסערן טעאַטער עולם! מיר באַגריסן מיט בואכם לשלום די גאַנצע קאָמפּאַניע טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן מיט זייער אָנפירער בראש און ווינטשן זיי גרויס דערפאָלג. לויט ווי מיר הערן גייט „די כשוף־מאַכערין” פון אברהם גאָלדפאַדן אַריין אינם רעפּערטואַר. מיר זענען זייער להוט ווי דאָס גאָלדפאַדנישע פאָלקסטימלעכע וועט קלינגען אין מאָדערנעם העברעאיש.

---

## יחזקאל נח ערליכמאַן

### זרענו וכספּנו ירבה כחול

אַ דייטשער ייד וואָס פלעגט צוליב ביזנעס אַרומפאָרן אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך און איז געווען גוט באַקאַנט מיט דעם דאָרטיקן יידישן לעבן, פלעגט אין זיין פרייע צייט אַריין גיין צום דאָרטיקן רב, זיך ביי אים צו אונטערהאַלטן. פרעגט ער ביים רב אויב ער קאָן אים דערקלערן אַ מערקווירדיקע דערשיינונג וואָס עס זעט זיך אָן אין יידישן לעבן, נעמליך: מען זעט ביי אָרעמע מענטשן, וואָס פאַרדינען קוים אויף זייער אויסקומעניש, און דאָך זענען זיי געבענטשט מיט קינדער אָן עין הרע, איינס קלענער ווי דאָס אַנדערע, און ביי די גבירים זעט מען פאַרקערט. דאָס פאַרמעגן וואַקסט ביי זיי פון טאָג צו טאָג, און קינדער איז קוים דאָ איינס. עס איז זייער זעלטן, עס זאָל זיין צוויי קינדער אין אַ פאַמיליע.

דער רב אויסהערנדיק די אויסערגעוויינלעכע פראַגע, זאָגט צו אים מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, אַז לויט די פּאָזיציע וואָס זיי פאַרנעמען דאַרף אַזוי צו זיין, ווי איך וועל אייך דאָ באַלד דערקלערן.

מיר זען דעם אָרימען שוסטער אָדער שניידער, וואָס קוקט אויס, דאָס שטיקל אַרבעט זאָל שוין פאַרטיק ווערן ער זאָל עס קאָנען אָפּטראָגן צום בעל־הבית און דאָס זעלבע קומט אויך פאָר מיט דעם אָרימען בעל עגלה, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ פאַרשוין צו נעמען צו דער באַן, אָדער צו ברענגען פון דער באַן. זיי אַלע ווען עס קומט שבת פאַרנאַכט ווערן זיי נעבעך נערוועז, און ווען עס ווערט גוט טונקל, דאַכט זיך דעם אָרימען בעל מלאכה אַז עס איז שוין אויס שבת. ער כאַפּט זיך שנעל צו דאַוונען מעריב און הבדלה, און נאָך הבדלה, זאָגט ער די תפילה פון המבדיל בין קודש לחול און ענדיקט מיט זרענו וכספּנו ירבה כחול (אונזער קינדער און אונדזער געלט זאָלסט דו מערן ווי זאַמד).

ווען די תפילה קומט פאַר דעם ב״ד של מעלה, זאָגט מען אים, הער דיך צו, ברודערל! כספּנו קאָן מען דיר נאָך נישט געבן, עס איז נאָך צו פרי, און

עס איז נאָך אַ חשש מוקצה. זעסטו, זרענו (קינדער), מאכט נישט אויס, נעם מיט פארגעניגען, און זאָל עס דיר ווויל באקומען. דער אָרימער בלייבט אין אַ פארלעגנהייט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער האָט אָבער נישט קיין צייט לאנג צו טראכטן, די ארבייט וואַרט אויף אים אין דער היים, מאכט ער זיין באשלוס, אז עס איז בעסער עפּעס ווי גאָרנישט, כאַפּט ער זרענו און לויפט אַהיים.

דאגעגן דער רייכער, ער איילט זיך נישט, ער זיצט זיך גאנץ געמיטלעך, פראַוועט זיין ברייטן שלש־סעודות, זינגט זיך דעם בני הכלא מיט די אנדערע שבתדיקע זמירות ביז אַ שטיק אין דער נאכט אַריין. און דאַן, ווען זיין תפילה פון זרענו וכספנו קומט פאַר דעם ב״ד של מעלה, זאָגט מען אים: וועגן זרענו האָסט דו שוין פארשפעטיקט, די אָרימע האָבן עס שוין אויסגעכאַפּט. זעסטו, „כספנו״ יאָ! נעם, מיט אַ פולע האנט!

## ר׳ אברהם מאנדי ז״ל

מיט׳ן אוועקגיין פון ר׳ אברהם מאנדי, דעם גרויסן עסקן אין יידישלעכן חינוך אין לאָנדאָן אין תלמוד־תורות און ישיבות, איז אוועקגעגאנגען אן איי־דעלער יידישער מענטש; מיט זיין באמיען זיך די 50 יאָר, אלס דער גענעראל סעקרעטאר פונם שעלטער, די הונדערטער טויזנטער אימיגראנטן, לייכטער צו מאכן זייערע ליידן, האָט עס דער נפטר באוויזן.

עס איז נישט דער פלאַץ אין אַ קורצן נעקראָלאָג צו דערציילן די מעשים טובים פון דעם חשובן נפטר. עס זאָל נאָר דערמאָנט ווערן, אז ר׳ אברהם מאנדי איז עס געווען דער, וואָס האָט אדורכגעזעצט, אז יידיש זאָל אנערקענט ווערן ווי אַ שפראך, ביי די רעגירונגען, בנוגע די עמיגראַציע געזעצן, און דורך דעם דערמעגלעכט הונדערטער טויזנטער יידן צו עמיגרירן קיין נאָרד־און זיד־אמעריקע.

ר׳ אברהם מאנדי איז געווען אַ תלמיד חכם און אײדעלער ייד פון אלטן דור, אָבער אויך די יידישע קולטור איז אים געווען איינגעבאַקן אין הארצן און ער איז געשטאנען נאָנט צום „פריינט פון יידיש לשון״, צום ייוואָ.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

## רעדאקציע נאטיץ

אין קומענדיקן חודש הייבט זיך אָן צו דרוקן אַ גרעסערער ראָמאן פון אונזער מיטארבעטער דעם גוט־באקאנטן שרייבער לעאָ קעניג.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנארד־בעראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

**שבת**, דעם 3־טן יוני: הומאָר פון לאָנדאָנער יידישער שרייבער.

**שבת**, דעם 10־טן: געווידמעט דעם אוהל־טעאַטער.

**שבת**, דעם 17־טן: קאָן זיין אַ געזעלשאפטלעך לעבן אָן קולטור?

**שבת**, דעם 24־טן: דאָס שאפן אין יידיש אין ישראל.



---

## אויפן פרישן קבר פון אדאלף סאלאמאן

אַדאָלף סאלאמאן איז געשטאָרבן שבת דעם 27־טן מאי, נאָך אַ לענגערע צייט קראנק זיין און צו ענדע אַ שווערע אָפּעראציע נאָך וועלכע ער האָט נאָר געלעבט צוויי טעג. ער איז עגשטאָרבן מיטן פולן פארשטאנד און באוווסטזיין אין דער עלטער פון 59 יאָר.

דער טראגיש פריצייטיקער טויט פון אדאָלף סאלאמאן רייסט אַרויס פון אונזער אזוי אויך שיטערע רייען אין לאָנדאָן, איינעם וואָס איז געווען פון די בויער פון דעם ארבייטער רינג. ער איז אימער געשטאנען אויף דער וואך און געקעמפט פאר די אינטערעסן פון דער ארבייטער רינג און יידישער קולטור.

אויך פאר אונדז, פון דער פרויען סעקציע, איז אַדאָלף סאלאמאן געווען ניט נאָר אונדזערע אַ מיטגליד וואָס איז אימער געווען אנוועזענד אויף אונזערע וואָכענטלעכע מיטינגען, ער איז אויך געווען פאראינטערעסירט וועגן אונזער אינטערעס אין דעם רינג. ער איז אויך געווען דער, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם וויגעלע פון דער פרויען סעקציע פון נומער דריי בראנטש.

מיר האָבן אין אדאָלף סאלאמאן פארלוירן אַ גוטן יידישן פריינט, אַ גוטן חבר און אַן ערנסטן גוטן מענטשן.

מיר די פרויען פון דעם בראנטש דריי ארבייטער רינג דריקן אויס אונ־זער טיפן טרויער און הארציקן מיטגעפיל מיט אונזער שטענדיקער פאָרזי־צערין פ ע נ א ס א ל א מ א ן צו דעם פריצייטיקן טויט פון איר זייער ליבן מאן אַדאָלף.

עס איז אונזער ווונטש און האָפנונג זי זאָל געפינען טרייסט אין איר אר־בייט ביי דעם רינג וואָס איז זיי ביידן געווען טייער.

עהרע זיין אָנדענקונג.

פרויען סעקציע. ל. פ.
פאר דער בראנטש דריי.

אויך מיר דריקן אויס אונזער טיפן ביילייד צו דעם פריצייטיקן טויט פונם ארבעטער־ און קולטור־טוער, אַדאָלף סאָלאָמאן, לאנגע יאָרן געווען טעטיק אין קאָמיטעט פון דער וועלטלעכער שול, און ווינטשן פרוי סאלאמאן און די קינדער צו געפינען טרייסט אין דעם גוטן נאָמען וואָס דער נפטר האָט אי־בערגעלאָזן.

„פריינט פון יידיש לשון״.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער מיט ארבעטערין, די שרייבערין **קייטי בראון**, צום טויט פון איר שוועסטער.

„לשון און לעבן״.

125

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 126)    עלפטער יארגאנג    יולי 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט :

אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות........................** 1
בלומען (ליד)..............................משה יעקב קליפער 5
מאַרס׳ל הייבט שוין אָן צו קוקן (פּאָעמע)............דוד זיידענפעלד 6
אַן אלטער מאן חלומט פון יוגנד
(לויט אָליוער וועגדל האָלמעס)...................רחל דוך־יחיא 7
לעאָ קעניג׳ס „שבעה“ (צו קעניגס ראָמאן)...... ......יוסף לעפטוויטש 9
די שיינע שבעה (ראָמאַן)..........................לעאָ קעניג 10
דער סאלוט־שאָס, דאָס ליד פון שטיינהאקער, אויפן הר־ציון, נאָך האָב
איך אויף פנים די זון פון ישראל (לידער).........א. נ. שטענצל 20
אין חדר אַריין... (איבער משה עובד׳ס בוך „אין חדר אַריין“..א. שולמאן 25
דער פלאַם (לעגענדאריש).........................דר. א. ר. סען 28
מיין לעקסיקאָן — באגעגענישן — יוסף הלל לעווי......מלך ראוויטש 32
יואל מאסטבוים אין תל אביב (צו זיין באַזוך ביי אונז)
..........................................בן־א. סאָכאַטשעווסקי 34
די יידישע קונסט אין ישראל..........................ש. 38
דאָס טייערע אידימל (פאָלקלאָר)............יחזקאל נח ערליכמאן 42
גבריאל ווייסמאן, באקאנטער פאָלקלאָריסט, 50 יאָר אלט......ש. ערנסט 44
די וועלט קאָנפערענץ פון „ברית עברית עולמית“ אין ירושלים
(באַריכט) ...................................ע. 45
מלך ראוויטשעס באזוך ביי אונז אין לאָנדאָן... ...........** 47
די וויטערדיקע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.............. 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנעמענט־פרייז :—19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאנד :—5 דאָלאר א יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*